STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 06489

IN GELOYF FUN HOREVE HEYMEN

Joseph Gar

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

אין געלויף פון חרובע הײמען

אין געזיף פון חרובע הימען

פון
יוסף גאַר

פונעם יידישן לעבן אין מזרח-אייראָפּע
נאָך דער צווייטער וועלט-מלחמה

•

ניו-יאָרק
1952

IN GELOIF FUN KHOREVE HEIMEN

(IN FLIGHT FROM RUINED HOMES)

Copyright, 1952
by
JOSEPH GAR
New York, N. Y.

Futuro Press, 476 Broadway, N. Y. 13
200

אינהאַלט־פאַרצייכעניש

זייט

אריינפיר. — י. ג. 9

1. ענדלעך דערלעבט די באַפרייאונג 11

מיר שפּרינגען פון דער באַן, וואָס פירט די לעצטע רעשטלעך פון קאָוונער געטאָ־יידן קיין דאַכאַו און אַנדערע דייטשע קאַצעטן. — דריי וואָכן צווישן לעבן און טויט. — מיר ווערן באַפרייט און איילן קיין קאָוונע. — יידישע ישובים אין ליטע פולשטענדיק „יידן־ריין“. — אַ באַזוך אין מיין היים־שטעטל. — ווי אַזוי אַ יידישע משפחה האָט זיך געראַטעוועט. — מיר ווערן פאַרהאַלטן פון סאָוועטישע פּאַטרולן ביים אריינקומען אין שטאָט.

2. אויף קאָוונער גאַסן 17

דראַמאַטישע סצענעס ביים באַגעגענען זיך פון לעבן־געבליבענע יידן. — מיר געפינען אונדזער טעכטערל, וואָס איז געווען אָפּגעגעבן צו גויים. — יידן האַלטן זיך צוזאַמען. — אַנטיסעמיטישע ליטווינער מאַכן שוועריקייטן פאַר יידן צו באַקומען אַרבעט. — דער „יידישער“ בוי־טרעסט. — גרינדונג פון אַ יידישער רעליגיעזער קהילה און אַ יידישן קאָמיטעט.

3. ליטווישע „גרינע“ רעוואָלטירן קעגן די סאָוועטן 27

דער פראָנט שטעלט זיך אָפּ ניט ווייט פון קאָוונע. — ליטווישע „גרינע באַטאַליאָנען“ אין קאַמף קעגן דער סאָוועטן־מאַכט. — רוצחישער אַנטיסעמיטיזם פון די „גרינע“. — רעגירונג פּרואווט מיט גוטן און מיט בייזן ליקווידירן רעוואָלט פון די ליטווינער.

4. ליטווישע מאַכטהאָבערס אונטערדריקן יידיש־געזעלשאַפטלעכע אקטיוויטעטן 31

אין קאָוונע ווערט געשאַפן אַ קינדערהיים פאַר די געראַטעוועטע יידישע קינדער. — ליטווישע רעגירונג־אינסטיטוציעס באַקעמפן יידישן קינדערהיים. — מערקווירדיקע פּערזענלעכקייט פון אַ העכערן רוסיש־יידישן מיליטער־מאַן. — יידן אַראַנזשירן ערשטע טרויער־פייערונג צום יאָרצייט נאָך די געטאָ־קדושים. — קאָמפּאַרטיי פאַרווערט יידן צו מאַרשירן צום ניינטן פאָרט, וואו ס׳רוב קאָוונער יידן זיינען געוואָרן דערמאָרדעט. — יידישע קינדערהיימען און פאָלקשולן אין קאָוונע און ווילנע ווערן ליקווידירט.

זייט

5. יידן ווילן אַוועקגיין פון רוסלאַנד 37

רעפּאַטריאַציע־אָפּמאַך צווישן רוסלאַנד און פּוילן. — יידן קענען ניט און ווילן ניט בלייבן לעבן אין זייערע חרובע היים־לענדער. — מען טרוימט צו זיין צוזאַמען מיט די קרובים אין אויסלאַנד. — יידן פון ווילנער געגנט קענען לעגאַל אַוועקגיין פון רוסלאַנד. — ליטווישע יידן געפינען אַן עצה ווי אַזוי צו ווערן „פּאָליאַקן" און קענען געניסן פון דער רעפּאַטריאַציע. — יידן פאַרקויפן זייערע הייזער צו גויים, כדי צו שאַפן די נייטיקע הוצאות.

6. „רעפּאַטריאַציע" פון ליטווישע יידן קיין פּוילן.......... 45

ערשטע געלונגענע פּרואוון פון ליטווישע יידן אַוועקצוגיין קיין פּוילן. — די פאַלן מיט אַ יידישן מיליציאָנער און אַ קאָוונער יידישן אַדוואָקאַט. — עם־ווע־דע פאַרשפּרייט קלאַנגען וועגן אַרעסט פון קאָוונער יידן בעת דער גרענעץ־קאָנטראָל. — די „גאָלדענע עפּאָכע" אין דער געשיכטע פון יידישן אַנטלויפן פון ליטע. — צוויי גרעסערע דורכפאַלן.

7. מיטן רעפּאַטריאַציע־עשאַלאָן פון ווילנע קיין גראָדנע... 53

די לויערנדיקע סכנותביים מאַכן די לעצטע צוגרייטונגען צו אַנטלויפן פון רוסלאַנד. — אויף גראָדנער וואָקזאַל ווערט מען פּטור פון די סאָוועטישע דאָקומענטן. — אַ סצענע, ווי אַזוי עם־ווע־דע־באַאַמטע פירן אַדורך די גרענעץ־רעוויזיע. — גוואַלדיקע שמחה נאָכן אַריבערגיין בשלום די סאָוועטישע גרענעץ.

8. פון ביאַליסטאָק ביז לאָדזש 57

אויף ביאַליסטאָקער וואָקזאַל טרעפן מיר נאָך ליטווישע יידן. — מען איז נאָך אַלץ אין גרויס פּחד. — ערשטע איינדרוקן פון פּוילן. — אויבנאויפיקע פאַרגלייכן צווישן דעם לעבן אין פּוילן און רוסלאַנד. — מיר פאָרן אַדורך וואַרשע. — אין שאָטן פון וואַרשעווער געטאָ־חורבות.

9. ערשטע שריט אויף פּוילישער ערד 61

לאָדזש ווערט דער צענטער פון אַנטלאָפענע ליטווישע יידן. — רירנדיקע סצענעס אויפן הויף פון לאָדזשער יידישן קאָמיטעט. — מיר געפינען אַ „דירה" אויף אַ בוידעם־שטיבל. — יידן זעען צו מאַכן חיונה. — ליטווישע יידן האָבן מורא צו לאַנג צו בלייבן זיצן אין לאָדזש. — סאָלדאַטן פון דער ארץ־ישראל בריגאַדע העלפן די אַנטלויפנדיקע יידן.

זייט

10. אונדזער לעבן אין לאָדזש 67

ייִדן שטרעבן צו פאָרן קיין איטאַליע. — אַ באַגעגעניש מיטן געוועזענעם קאָמענדאַנט פון וואַרשעווער געטאָ־אויפשטאַנד, יצחק צוקערמאַן. — מיין שמועס מיט מירסקין, רעדאַקטאָר פון לאָדזשער „דאָס נייע לעבן“, און מיט דער שריפטשטעלערין רחל אויערבאַך. — אין דער ייִדישער היסטאָרישער קאָמיסיע. — צווישן די רואינען פון לאָדזשער געטאָ. — דער קיבוץ „דרור“ העלפט אונדז אַוועקגיין פון לאָדזש. — מיר פאַרלאָזן לאָדזש און פאָרן קיין קראָקע.

11. אין קראָקע 77

דער ייִדישער איבערגאַנג־לאַגער אין קראָקע. — פלוצלונג ווערן מיר „גריכישע“ ייִדן. — אַ חנעוודיק ייִדיש מיידל לערנט מיט אונדז די גאַנצע „גריכישע“ תורה אויף איין פוס. — מיר פאַרלאָזן קראָקע. — פאָגראָם אין קראָקע נאָך אונדזער אַוועקפאָרן.

12. אַ טאָג אין קאַטאָוויץ 83

מיט אַן אויטאָ פון קראָקע קיין קאַטאָוויץ. — מיר פאָרן פאַרביי אָשוויענטשים. — שטימונגען און רעיונות פון אַ ליטווישן ייִד, וואָס פאָרט ווי אַ „גריך“ איבער פוילישע וועגן. — שיינער קבלת־פנים אין קאַטאָוויץ. — אויף קאַטאָוויצער וואָקזאַל שפּילן מיר די ראָלע פון „גריכן“. — קאָמישע מאָמענטן. — מיר פאָרן קיין בראַטיסלאַווע.

13. איבער טשעכאָסלאָוואַקיע קיין אונגאַרן 89

מיר וואַלגערן זיך אויף בראַטיסלאַווער וואָקזאַל. — טראַגי־קאָמישער צופאַל מיט אַ גרופּע „גריכן“. — שטויִנענדיקע מעשיות ווי אַזוי רויטאַרמייער באַרויבן די רייזנדער. — מיר באַהאַלטן אונדזערע „קאַפּיטאַלן“ און לאָזן זיך מיט דער באַן קיין בודאַפּעסט. — רוסישע סאָלדאַטן קומען אַריין ביינאַכט אין אונדזער וואַגאָן און נעמען צו, וואָס זייער האַרץ גלוסט. — אינטערעסאַנטער פאַל ביים דורכגיין די אונגאַרישע גרענעץ.

14. אַ פּאָר וואָכן אין בודאַפּעסט 95

ערשטע איינדרוקן פון דער אונגאַרישער רעזידענץ. — סאָוועטישע פּאַטרולן רעווידירן די דאָקומענטן פון די פאַרבייגייערס, און מיר האָבן מורא זיך צו באַווייזן אויף דער גאַס. — לאַגער איבערפולט מיט מענטשן צוליב פאַרשטאָפּונג פון ווייטערדיקן בריחה־וועג. — שווערע

זייט

לעבנס־באַדינגונגען אין לאַגער. — אינפלאַציע פון דער אונגאַרישער פּענגאָ. — אַ הילפס־קאָמיטעט פאַר פּוילישע יידן. — בראש פון לאַגער שטייט מרדכי ראָזמאַן, וואָס איז שפּעטער באַרימט געוואָרן ווי דער אָנפירער פון דער מעפּילים־שיף „עקזאָדוס 1947".

15. פון אונגאַרן קיין עסטרייך 103

מיר פאַרלאָזן בודאַפּעסט. — אונדזער גרופּע איז באַשטימט צו פאָרן קיין גראַץ, ענגלישע זאָנע פון עסטרייך. — שפּאַנענדיקע מאָמענטן ביים שוואַרצן די אונגאַריש־עסטרייכישע גרענעץ. — פריידיקע געפילן ביים אַרויסרייסן זיך פון די סאָוועטישע סאַטעליטן־לענדער.

16. אין גראַץ 111

אויפן וועג קיין גראַץ. — אונרא־לאַגער פאַר „אויסגעוואָרצלטע פּער־זאָנען". — מיר שלאָפן אויף האַרטע טישן אָן שטרוי־זעק. — מען קאָכט פאַר אונדז עסנס אין גאַנצן אָן זאַלץ. — ימים־נוראים אין לאַגער. — פון וואַלגערן זיך אין שמוץ קריגן מיר עקזעמעס. — מיין פרוי ווערט קראַנק אויף בויך־טיפוס. — טעטיקייט פון יידישן לאַגער־קאָמיטעט. — אינטענסיווע קולטור־אַרבעט. — קאַמף קעגן שוואַרץ־האַנדל. — ענגלישע און עסטרייכישע פּאָליציי מאַכן אַן איבערפאַל אויף די יידישע בלאָקן אין לאַגער. — עסטרייכישע אַנטיסעמיטן הייבן אויף דעם קאָפּ.

17. מיר ווילן זיך אַרויסרייסן פון עסטרייך 121

יידישע פּליטים ווילן דערגרייכן איטאַליע אָדער די אַמעריקאַנער זאָנע פון דייטשלאַנד. — מיר געפינען אַן אָפּדאַך אויף עטלעכע טעג אין אַן עסטרייכישער אַרבעטער־משפּחה. — אַ באַזוך אין יידישן לאַגער טראַפּייעך. — מיר לאָזן זיך פאָרן פון גראַץ קיין לינץ און ווערן פון ענגלישע גרענעץ־קאָנטראָליאָרן אַראָפּגענומען פון צוג. — ענגלישער מיליטער־גאָווערנאָר אין ליצען גיט אונדז אַ דערלויבעניש אַריבערצופאָרן אין דער אַמעריקאַנער זאָנע פון עסטרייך.

18 פון זאַלצבורג קיין מינכען 131

אַ פּאָר טעג אין זאַלצבורג. — מונטערע שטימונג אין די לאַגערן פון דער אַמעריקאַנער זאָנע. — מיר פאָרן מיט אויטאָס קיין טראַוּנ־שטיין, בייערן. — שיינע האַנדלונג פון אַן אַמעריקאַנער יידישן סאָל־דאַט. — מיר קומען אָן קיין מינכען. — אויפן הויף פון „דייטשן מוזעאום". — פינאַל פון אַ 4־חדשימדיקן וואָגל־ און וואַנדער־וועג.

אַרייַנפיר

העכער זיבן יאָר זיינען שוין פאַרביי זינט עס איז געוואָרן פאַרענדיקט די צווייטע וועלט־מלחמה, וואָס האָט גורם געווען איינעם פון די גרעסטע חורבנות אין דער יידישער געשיכטע.

די נאַצישע מלאכי־חבלה, צוזאַמען מיט זייערע אַרויסהעלפערס פון צווישן די אַנדערע אייראָפּעאישע פעלקער, האָבן אויף אַ בעסטיאַלישן אופן אָפּגעמעקט פון פנים פון דער ערד גאַנצע יידישע מאַסן־ישובים, וואָס זיינען הונדערטער יאָרן געווען איינגעפונדעוועט אויפן אייראָפּעאישן קאָנטינענט. ניטאָ מער דאָס יידישע פוילן! ניטאָ מער דאָס יידישע ליטע! ניטאָ מער פיל אַנדערע גרעסערע און קלענערע יידישע קיבוצים אין אייראָפּע! אומגעקומען זיינען זיי אויפן מזבח פון גרעסטן קידוש־השם אין אונדזער מאַרטירער־געשיכטע.

אויב מיר האָבן שוין ביז איצט אַ גאַנץ נישקשהדיקן דאָקומענטאַר־היסטאָרישן און בעלעטריסטישן מאַטעריאַל פון און וועגן דער חורבן־תקופה, איז אָבער אין דער עפענטלעכקייט זייער ווייניק באַקאַנט וועגן דער מאַסן־בהלה, וואָס האָט גלייך נאָכן חורבן פאַרכאַפּט גרויסע טיילן פון די שיריים פון מזרח־אייראָפּעאישן יידנטום צו אַנטלויפן פון זייערע מקומות, וואו ס׳האָבן נאָר וואָס זיך איינגעלאָשן די פלאַמען פון נאַצישן גיהנום. אַט די אַלע מענטשן זיינען געלאָפן פון זייערע היימען מיט דער כוונה צו דערגרייכן די ברעגעס פון ארץ־ישראל און אַנדערע לענדער מעבר לים. דאָס דאָזיקע געלויף, וואָס איז אַלגעמיין באַקאַנט אונטערן נאָמען „די בריחה״, געהערט צו די מערקווירדיקסטע קאַפּיטלעך פון יידישן לעבן נאָך דער מלחמה און וואַרט נאָך אויפן געהעריקן תיקון.

כ׳האָב אָבער ניט בדעה אַרויסצוהייבן אין מיין אַרבעט וועלכע עס איז אַלגעמיינע שטריכן פון דער לעגענדאַר־געוואָרענער בריחה־באַוועגונג, וואָס האָט אין פאַרלויף פון אַ קורצער צייט געהאָלפן אַ פּאָר הונדערט טויזנט מזרח־אייראָפּעאישע יידן אויף זייערע וואַנדער־וועגן איבער אייראָפּע. מיין ציל איז אַ סך באַשיידענער: איך וויל פּראָסט און פשוט דערציילן פאַר דער יידישער וועלט ווי אַזוי איך, איינער פון די ניצול־

געוואָרענע קאָוונער געטאָ־יידן, האָב אַדורכגעמאַכט דאָס אַנטלויפן פון מזרח־אייראָפּע.

„אין געלויף פון חרובע היימען" — איז אַ בינטל זכרונות און שילדע־רונגען פון אַט דעם וואַנדער־ און וואָגל־וועג, וואָס מיר און מיין משפחה איז אויסגעקומען מיטצומאַכן במשך דעם זומער פון יאָר 1945 נאָכן אַנט־לויפן פון ליטע. גאַנצע פיר חדשים האָבן מיר צוזאַמען מיט נאָך יידן געוואָגלט איבער פוילן, טשעכאָסלאָוואַקיע, אונגאַרן און עסטרייך, ביז מיר האָבן דערגרייכט די אַמעריקאַנער זאָנע פון דייטשלאַנד. אונדז איז אויס־געקומען צו שוואַרצן גרענעצן, צו שפּילן די ראָלע פון כלומרשטע פּוילישע, גריכישע און אַנדערע יידן, און מיר זיינען זייער א סך אויסגעשטאַנען אונטערוועגס.

איך האָב די איבערצייגונג, אַז מיינע פּערזענלעכע איבערלעבונגען און דערפאַרונגען אויף דעם געביט האָבן אַן אַל־יידישן אינטערעס, ווייל זיי גיבן כאָטש אַ שטיקל השגה וועגן דעם יידישן געלויף פון מזרח צו מערב אין די ערשטע יאָרן פון נאָך דער צווייטער וועלט־שחיטה.

י. ג.

1טער קאַפּיטל

ענדלעך דערלעבט די באַפרייאונג

מיר שפּרינגען פון דער באַן, וואָס פירט די לעצטע רעשטלעך פון קאָוונער געטאָ־יידן קיין דאַכאַו און אַנדערע דייטשע קאַצעטן. — דריי וואָכן צווישן לעבן און טויט. — מיר ווערן באַפרייט און איילן קיין קאָוונע. — יידישע ישובים אין ליטע זיינען פולשטענדיק „יידן־ריין". — אַ באַזוך אין מיין היים־שטעטל. — ווי אַזוי אַ יידישע משפּחה האָט זיך געראַטעוועט. — מיר ווערן פאַרהאַלטן פון סאָוועטישע פּאַטרולן ביים אַריינקומען אין שטאָט.

סוף יוני און אָנהייב יולי 1944, ווען דער דערפאָלגרייכער סאָוועטישער אָנגריף אויפן מזרחדיקן פראָנט ביי וויטעבסק־מינסק האָט געצוואונגען די דייטשן איליק צו עוואַקואירן ליטע, איז פאַר די רעשטלעך לעבן־געבליבענע יידן אין די צוויי פאַרבליבענע געטאָס פון קאָוונע און שאַוול געוואָרן קלאָר, אַז עס זיינען פאַר זיי אָנגעקומען גורל־אַנטשיידנדיקע טעג. די דאָזיקע צוויי געטאָס זיינען יעמאָלט ליקווידירט געוואָרן, און די רעשטלעך געטאָ־יידן זיינען געוואָרן דעפּאָרטירט אין די טרויעריק־באַרימטע דייטשע קאַצעטן דאַכאַו און שטוטהאָף אויף צוואַנג־אַרבעט און פאַרניכטונג.

ווי אַזוי עס איז פאָרגעקומען די ליקווידאַציע פון קאָוונער געטאָ איז מער־ווייניקער אויספירלעך באַשריבן אין מיין בוך „אומקום פון יידישער קאָוונע", וואו עס ווערט געשילדערט דער בלוטיקער ליידנס־וועג פון די קאָוונער יידן במשך די דריי יאָרן פון געטאָ־קיום.

דער גורל אָדער דער צופאַל האָט געוואָלט, אַז בעת דער דעפּאָרטאַציע פון קאָוונער געטאָ קיין דייטשלאַנד זאָל מיר און מיין פרוי, וואָס זיינען געווען צוזאַמען אין איין וואַגאָן, געלינגען אַרויסצושפּרינגען פון לויפנדיקן צוג און שפּעטער־צו דערלעבן די באַפרייאונג. געווען איז עס נאָך אויף דער ליטווישער טעריטאָריע, ניט ווייט פון שטעטל פּילווישאָק, וואָס געפינט זיך אַ פּאָר צענדליק קילאָמעטער פון דער ליטוויש־דייטשער גרענעץ.

מיר האָבן געוואָגט צו באַגיין אַזאַ ביז־גאָר ריזיקאַלישן שריט, ווי שפּרינגען פון לויפנדיקן צוג, ניט נאָר מחמת דעם נאַטירלעכן דראַנג זיך צו ראַטעווען פון אַ זיכערן טויט, נאָר אויך צוליב אַן אַנדער וויכטיקער

סיבה: דער שיקזאַל פון אונדזער דריי־יאָריקן טעכטערל געטאַלע, וואָס איז עטלעכע חדשים פאַר דער ליקווידאַציע פון געטאָ אָפּגעגעבן געוואָרן אין אַ קריסטלעכער משפּחה ניט ווייט פון קאָוונע.

מיר זיינען געווען זיכער, אַז נאָכדעם ווי די קריסטן וועלן זיך דערוויסן, אַז מיר, די עלטערן זיינען אומגעקומען און זיי האָבן ניט פון וועמען צו דערוואַרטן קיין ווייטערדיקע באַלוינונגען פאַרן אויסבאַהאַלטן דאָס קינד, וועט דער גורל פון אונדזער טעכטערל זיין אַ געחתמעטער: אָדער זיי וועלן זען ווי ס'איז פּטור צו ווערן פון איר, ווי דאָס איז געווען דער פאַל מיט פיל אַנדערע יידישע קינדער, וואָס זיינען אָפּגעגעבן געוואָרן צו גויים זיי אויסצובאַהאַלטן פון די נאַצישע רוצחים, אָדער זיי וועלן — אין בעסטן פאַל — זי אָפּשמדן.

אגב, איז אינטערעסאַנט צו דערציילן, אַז דער ניט־געוויינלעכער נאָמען „געטאַלע" שטאַמט פון דעם, וואָס אין קאָוונער געטאָ האָט מען די ערשטע צייט פיל ניי־געבוירענע מיידעלעך אַ נאָמען געגעבן געטאַלע, מיט דער כוונה צו פאַראייביקן דעם אָנדענק פון דער יידישער געטאָ אונטער דער נאַצישער הערשאַפט. אַן ערך פופציק מיידעלעך האָבן געטראָגן דעם דאָזיקן מערקווירדיקן נאָמען, אָבער קיין איינע פון זיי איז ניט געבליבן ביים לעבן.

עס האָט זיך אַזוי געמאַכט, אַז אומבאַמערקט פאַרן באַוואָפנטן עס־עס־מאַן אין אונדזער וואַגאָן איז אייניקע מענטשן געלונגען צו עפענען אַ זייטיק טירל פון דעם משא־וואַגאָן, אין וועלכן מען האָט אונדז געפירט און אַרויסצושפרינגען פון דער באַן, וואָס האָט געאיילט צו דער דייטשער גרענעץ. אויך פון אַנדערע וואַגאָנעס איז מען געשפרונגען פון צוג.

אַ גרויסער טייל פון די אַרויסגעשפרונגענע פון צוג איז געוואָרן דערשאָסן דורך דייטשן אָדער ליטווישע זשאַנדאַרן, וואָס האָבן באַוואַכט די באַן־ליניע. אַנדערע זיינען אומגעקומען שפּעטער־צו בעתן אויסבאַהאַלטן זיך אויף די דערבייאיקע פעלדער און אין די אַרומיקע וועלדער. נאָר געציילטע איז געלונגען בשלום זיך אַרויסצודרייען פון די אַלע לויערנדיקע טויט־סכנות און סוף־כל־סוף זיך צו דערוואַרטן אויף די סאָוועטישע אַרמיי־טיילן, וואָס האָבן פאַרנומען יענע געגנט.

אויך איך און מיין פרוי זיינען געווען פון די גליקלעכע יחידי־סגולה, וואָס האָבן נאָך דריי וואָכן פון שוועבן צווישן לעבן און טויט ענדלעך דערלעבט די באַפרייאונג. מיר ווייסן עד היום ניט צוליב וועלכע זכות־אבות דאָס איז געשען, כאָטש מיר טראַכטן וועגן דעם זייער אָפט.

געקומען איז דער דאָזיקער לאַנג־געגאַרטער טאָג פאַר אונדז דינסטיק, דעם ערשטן אויגוסט, 1944.

נאָך די ערשטע אויסערסט־גליקלעכע מאָמענטן צוליבן דערלעבן די גאולה האָבן מיר געמוזט אָפּוואַרטן עטלעכע טעג, ביז די קאָכיקע פראָנט־אָפּעראַציעס וועלן אַ ביסל זיך דערווייטערן פון דעם אָרט, וואו מיר זיינען געווען, כדי צו קענען זיך לאָזן אין וועג אַריין קיין קאָוונע — אַ מהלך פון אַ 70 קילאָמעטער.

אין איינעם אַ טאָג, ווען די דייטשן אין יענעם פראָנט־אָפּשניט זיינען אַריבער אין אָנגריף און עס האָט אָט־אָט געהאַלטן, מיר זאָלן צוריק ווערן פון זיי פאַרכאַפּט, האָבן מיר אין גרויס איילעניש, בפּועל ממש לויפנדיק איבער פעלדער און וועלדער, זיך קוים־קוים אַרויסגעראַטעוועט פון יענעם מסוכנדיקן ווינקל און האָבן דערגרייכט דעם שאָסיי־וועג, וואָס פירט צו קאָוונע.

די אַלע וועגן און שטעגן זיינען געווען פאַרזייט מיט מינעס פון די אָפּטרעטנדיקע דייטשע אַרמיי־טיילן און עס זיינען פאַרגעקומען צוליב דעם פיל אומגליקספאַלן. מיר האָבן צום גליק אויסגעמיטן די מינירטע ערטער און האָבן געאיילט צו אונדזער ציל: קיין קאָוונע.

אונטערוועגס איז אונדז אויסגעקומען אַדורכצוגיין איניקע ליטווישע שטעטלעך, וואו עס איז ניט געווען בנמצא קיין איין לעבעדיקער ייד. אין יעדן אָרט האָבן די אָרטיקע קריסטלעכע איינוואוינער אונדז אָנגעוויזן אויף די מאַסן־גריבער, אין וועלכע עס ליגן באַגראָבן די אומגעבראַכטע שטעטלשע יידן.

מיר האָבן אויך פאַרבראַכט אַ טאָג צייט אין מיין היים־שטעטל קראָן, וואו עס זיינען צוזאַמען מיט אַלע אַנדערע יידן אומגעקומען מיין מוטער און מיינער אַן עלטערער ברודער מיט זיין משפּחה. די פרויען און די קינדער זיינען אין סעפּטעמבער 1941 אומגעבראַכט געוואָרן אויפן בית־עולם אין שכנישן שטעטל דאַרשונישאָק, וואו מען האָט געהאַט צונויפ־געבראַכט די יידן פון די אַרומיקע ישובים, און די מענער זיינען פאַר־שלעפּט געוואָרן אויף אומקום ערגעץ־וואו אַרום קאָוונע.

אָנקומענדיק אין שטעטל, האָבן מיר פריער פאַר אַלץ געאיילט אַ קוק צו טאָן די שטוב, וואו עס האָבן געהאַט געלעבט מיינע עלטערן. מיר האָבן געפונען די שטוב ניט באַוווינט. די טירן פון הויז זיינען געווען אָפן און מען האָט געקענט פראַנק און פריי אַהין אַריינגיין. באַקאַנטע שטעטלשע קריסטן, וואָס האָבן גאַנץ אומגעריכט אונדז דערזען, האָבן גע־

מאַכט דעם אָנשטעל, אַז זיי זיינען כלומרשט זייער צופרידן, וואָס מיר זיינען געבליבן לעבן. זיי האָבן דערציילט, אַז די שכנים, וואָס האָבן גע־וווינט אין הויז בעת דער דייטשער אָקופּאַציע, האָבן לעצטנס זיך אַרי־בערגעקליבן לעבן אַנדערשוואו.

מיט ציטערדיקע הערצער זיינען מיר אַריין אין שטוב, וואו איך האָב פאַרבראַכט מיין פריע קינדהייט. אַ שלל דעראינערונגען האָט אַ שפּאַר געטאָן פון די טיפענישן פון זכרון און האָט אַדורכגענומען אַלע מיינע אברים. לכתחילה זיינען מיר געבליבן שטיין אויף אַן אָרט ווי צוגע־שמידטע צום דיל. קומענדיק צו זיך, האָבן מיר מיט לאַנגזאַמע טריט גענומען גיין פון צימער צו צימער. פון די ווענט און פון די געציילטע קעגנשטאַנדן, וואָס זיינען פאַרבליבן פון פריער, האָט געוויעט מיט טרויער און פאַרלאָזנקייט. ערגעץ אין אַ ווינקל האָבן מיר באַמערקט ווי עס וואַלגערן זיך עטלעכע יידישע ספרים, צווישן זיי אַ פּאָר עקזעמפּלאַרן פון די „ייוואָ־בלעטער" אין ווילנע.

מיר האָבן געהאַט דאָס געפיל, ווי מיר וואָלטן זיך געפונען אויף אַ בית־הקברות. לענגער דאָרטן בלייבן איז געווען אוממעגלעך און מיט אַראָפּגעלאָזענע קעפּ האָבן מיר פאַרלאָזן דאָס הויז. שעהן לאַנג האָבן מיר ניט געקענט קומען צו זיך פון דער געוואַלדיקער צעבראָכנקייט, וואָס האָט איבערוועלטיקט אונדזערע וועזנס.

אין שטעטל האָבן מיר געטראָפן די איינציקע לעבן־געבליבענע יידישע משפחה, וואָלפע, וואָס איז באַשטאַנען פון צוויי חתונה־געהאַטע שוועסטער מיט זייערע קינדער. אַמאַליקע יאָרן האָבן די עלטערן פון דער משפחה געהאַט געלעבט אין אַ דאָרף און זיי האָבן געהאַט אַ היפּש ביסל גוטע פריינד צווישן די דאָרפישע גויים. גאַנצע דריי יאָר זיינען די פרויען מיט זייערע צוויי קינדער געווען אויסבאַהאַלטן ביי אַ באַקאַנטן קריסט, וואָס האָט געלעבט אין אַן אָפּגעלעגן ווינקל צווישן וועלדער און פעלדער אַן אַ זייט פון וועג. פון ליגן יאָרנלאַנג אין אַ פייכטער גרוב ביים פויער אין שייער האָבן זיי אַלע געליטן פון שטאַרקע רעוומאַטישע ווייטיקן. די קינדער האָבן אַפילו נאָך דער באַפרייאונג נאָך אַלץ גערעדט זייער שטיל, ווי מען שושקעט עמיצן אַריין אַ סוד אין אויער. זיי זיינען געווען איינ־געוואוינט אַזוי צו ריידן, ווען זיי זיינען געלעגן באַהאַלטן.

דער מאַן פון איינער פון די פרויען האָט די גאַנצע צייט זיך געהאַט אויסבאַהאַלטן ביי באַקאַנטע קריסטן. אַ פּאָר וואָכן פאַר דער באַפרייאונג איז ער אָבער דערשאָסן געוואָרן פון אַ ליטווינער, צו וועמען ער איז

געקומען בעטן עפּעס פון זיינע זאַכן, וואָס ער האָט געהאַט איבערגעלאָזן ביי אים נאָכן אַריינמאַרש פון די דייטשן קיין ליטע.

אין אַ טאָג אַרום זיינען מיר שוין ווידער געווען אויף אונדזער וועג קיין קאָונע. פאַרנאַכט זיינען מיר אָנגעקומען צו די טויערן פון שטאָט. סאָוועטישע מיליטערישע פּאַטרולן, וואָס האָבן קאָנטראָלירט די פּערזאָנען ביים אַריינגיין אין קאָונע, האָבן אונדז פאַרהאַלטן, ווייל מיר האָבן ניט געהאַט ביי זיך קיין שום דאָקומענטן. אונטער דער באַגלייטונג פון אַ באַוואָפנטער וואַך זיינען מיר צוזאַמען מיט נאָך עטלעכע פאַרהאַלטענע געבראַכט געוואָרן אין שטאָט, און מיר האָבן געמוזט איבערנעכטיקן אין אַ פּאָליציי־ראַיאָן.

אויף מאָרגן אינדערפרי האָט מען נאָך אַ קורצער אויספאָרשונג אונדז אַרויסגעלאָזט פון אַרעסט־הויז. צום ערשטן מאָל נאָכן זיין דריי יאָר פאַרשפּאַרט אין געטאָ האָבן מיר ווידעראַמאָל זיך געפונען ווי פרייע מענטשן אויף די אַזוי היימיש־באַקאַנטע קאָונער גאַסן.

2טער קאַפּיטל

אויף קאָוונער גאַסן

דראַמאַטישע סצענעס ביים באַגעגענען זיך פון לעבן־געבליבע־
נע יידן. — מיר געפינען אונדזער טעכטערל, וואָס איז געווען
אָפּגעגעבן צו גויים. — יידן האַלטן זיך צוזאַמען. — אַנטיסע־
מיטישע ליטווינער מאַכן שוועריקייטן פאַר יידן צו באַקומען
אַרבעט. — דער „יידישער" בוי־טרעסט. — גרינדונג פון אַ
יידישער רעליגיעזער קהילה און אַ יידישן קאָמיטעט.

עס איז געווען אַ זוניקער אויגוסט־פרימאָרגן. דער וועטער איז געווען זייער שיין און אָנגענעם און האָט מיטגעהאָלפן צו פאַרשטאַרקן די פריי־דיקע געפילן פון זיין פריי נאָך די לאַנגע יאָרן פון פיין און ענויים.

אויף די גאַסן פון שטאָט איז אין די פרימאָרגן־שעהן זעלטן־וואו צו זען אַ פאַרבייגייער. עס זעט אויס, אַז די שטאָט איז געבליבן כמעט ווי אומבאַשעדיקט פון די פאַרגעקומענע קריגס־אָפּעראַציעס. די הייזער זיינען גאַנץ, נאָר פיל פון זיי זיינען מיט אויסגעהאַקטע שויבן. פון אַ ניט־יידישן פאַרבייגייער דערוויסן מיר זיך, אַז בעתן אָפּטרעטן האָבן די דייטשן באַוויזן אויפצורייסן די וויכטיקסטע פאַבריקן פון שטאָט, די מיליטערישע קאַזאַרמעס, די בריקן אויף די טייכן ניעמאַן און ווילי‌ע, די סטאַנציעס פאַר עלעקטרישער ליכט, וואַסער־לייטונג, טעלעפאָן־טעלעגראַף און אַנדערע עפנטלעכע בנינים. אין שטאָט איז דעריבער ניטאָ קיין עלעקטרישע ליכט, קיין וואַסער פון דער וואַסער־לייטונג, קיין טעלעפאָנישע פאַרבינדונג פאַר דער ציווילער באַפעלקערונג. וואַסער נעמט מען אָדער פון די ברינימער, וואָס זיינען פאַרבליבן פון די פריערדיקע צייטן, איידער מען האָט איינ־געפירט וואַסער־לייטונג, אָדער פון די טייכן. ביינאַכט זיצט מען אין דער פינצטער, אָדער פאַרן שיין פאַר אַ חלבנעם ליכטל, אויב מען באַקומט עס.

מיר קומען אָן אויף דער צענטראַלער גאַס פון שטאָט, אויף לייסוועס אַלעע, און צו אונדזער גרויסער פריידיקער איבערראַשונג דערזעען מיר דעם ערשטן געראַטעוועטן יידן. מען קושט זיך אויף דער גאַס, מען גיט זיך אַפּ מזל־טוב און מען וויל זיך דערוויסן, ווער עס האָט זיך נאָך געראַ־טעוועט. מיר ווערן געוווירע, אַז אין שטאָט זיינען שוין דאָ אַ פאָר הונדערט יידן.

— ווער זיינען זיי ?

אַ טייל פון זיי האָט באַוויזן נעלם צו ווערן דורכן געטאָ־צוים ערב אָדער בשעת דער ליקווידאַציע פון געטאָ; אַנדערע האָבן די לעצטע צייט זיך אויסבאַהאַלטן ביי באַקאַנטע קריסטן אין שטאָט אָדער אין דאָרף; אַ קליין ביסל האָט זיך געראַטעוועט דורכן אַנטלויפן פון די רייען ביים פירן די געטאָ־יידן פון סלאָבאָדקע צו דער באַן־סטאַנציע; עס זיינען אויך דאָ עטלעכע צענדליק בחורים און מיידלעך, וואָס זיינען געווען אין דער פּאַרטיזאַנקע און האָבן בשלום דערלעבט די באַפרייאונג; פּאַראַן אויך ייִדישע מיליטער־לייט, וואָס שטאַמען פון ליטע. זיי האָבן באַוויזן רעכטצייטיק זיך צו עוואַקוּאירן קיין רוסלאַנד ביים אויסברוך פון דייטש־סאָוועטישן קריג.

* * *

נאָך אין זעלבן טאָג, ווען מיר זיינען אָנגעקומען קיין קאָוונע, האָבן מיר זיך געלאָזט זוכן אונדזער דריי־יאָריק טעכטערל געטאַלע. געגוי וואו און ביי וועמען זי איז האָבן מיר ניט געהאַט קיין ידיעה. מיר האָבן נאָר געוואוסט, אַז די קאַטוילישע מאָנאַכין, וואָס האָט מיט עטלעכע חדשים צוריק אונדז געהאָלפן אַרויסראַטעווען דאָס קינד פון געטאָ, האָט געזאָלט זי אָפּגעבן צו אַ קריסטלעכער משפחה אין אַ דאָרף ניט ווייט פון קאָוונע. מיר האָבן דעריבער באַשלאָסן פריער פאַר אַלץ צו גיין אַהין, כדי עפּעס אויסצוגעפינען וועגן קינד.

ווי גליקלעך־איבערראַשט זיינען מיר געווען, ווען מיר האָבן עטלעכע קילאָמעטער פון דאָרף געטראָפן פאַרן אין שטאָט אַריין טאַקע אָט די זעלבע מאָנאַכין. זי איז געווען אַ וואונדערבאַרער מענטש און האָט אויפ־ריכטיק זיך געפרייט מיט אונדזער ניצול ווערן פון די הענט פון די נאַציס. פון איר זיינען מיר דערגאַנגען, אַז דאָס טעכטערל געפינט זיך אין דאָרף, אין אָרטיקן ליטווישן קינדערהיים. פריער איי זי געווען אין אַ פּריוואַטער ליטווישער משפחה, נאָר צוליב די מלחמה־אָפּעראַציעס האָבן זיי זי אָפּ־געגעבן אין קינדערהיים.

אַז מיר זיינען אָנגעקומען אַהין, האָבן מיר אונדזער טעכטערל קוים דערקענט צווישן דער גרויסער מחנה קינדער. פאַר די פאַרלאָפענע דריי חדשים האָט זי זייער שטאַרק אָפּגעצערט און האָט אין אונדזערע אויגן אויסגעזען פיל קלענער, ווי זי איז געווען ביים אַרויסשמוגלען פון געטאָ. אַ באָרוועסע איז זי געשטאַנען אַ ביסל אָן אַ זייט פון די אַנדערע ליטווישע קינדער, וואָס זיינען געווען פיל עלטער פאַר איר. איר אויסגעבלייכט

פּנימל האָט אויסגעדריקט אומעט און פּאַריתומטקייט. עס איז געווען קענ־טיק, אַז זי שפּירט זיך אומהיימלעך אין אָט דער סביבה.

מיר האָבן זיך שטאַרק באַהערשט און גלייך ניט צוגעלאָפן צו איר, ווייל מיר האָבן מורא געהאַט, אַז דאָס פּלוצלונגע דערקענען אונדז זאָל ביי איר ניט אַרויסרופן קיין צו שטאַרקע פּסיכישע אויפרודערונג. פאַר־זיכטיק און לאַנגזאַם האָבן מיר געפּרואווט פאַרבייגיין פאַר איר און זען, ווי אַזוי זי וועט רעאַגירן אויף אונדז. זי האָט אונדז אָבער לכתחילה ניט דערקענט.

ערשט שפּעטער, ווען מיר האָבן זי גענומען אויף די הענט, אָנגעהויבן קושן, צערטלען און רופן ביים יידישן נאָמען, האָבן מיר געפילט, ווי אין איר זכרון נעמט עפּעס אויפטויכן, און זי פּרואווט וואָס ניט איז זיך דער־מאָנען. טרערן פון פרייד האָבן אונדז געשטיקט אין האַלדז, ווען מיר האָבן געזען, אַז ביסלעכוויז הויבט זי אָן אונדז דערקענען. אונדזער שמחה איז געווען אין לשער.

עטלעכע שעה האָבן מיר זיך אָנגעוויינט און אָנגעפרייט מיטן געפו־נענעם טעכטערל. זי מיטנעמען מיט זיך האָבן מיר ניט געקענט, ווייל מיר האָבן נאָך ניט געהאַט קיין אָרט וואו אַוועקצולייגן דעם קאָפּ, און חוץ דעם וואָלטן מיר פּשוט ניט געהאַט וואָס איר צו געבן עסן. מיר אַליין האָבן גוט אונטערגעהונגערט. מיר זיינען דעריבער געווען געצוואונגען זי איבערצולאָזן אויף אַ קורצער צייט אין קינדערהיים, ביז מיר וועלן האָבן אַ מעגלעכקייט זי אָפּצונעמען פון דאָרט. אין צוויי וואָכן אַרום זיינען מיר שוין געווען צוזאַמען מיט אונדזער קינד, וואָס האָט געדאַרפט פונדאָסניי זיך אויסלערנען צו ריידן יידיש, און מיר זיינען געווען מיט איר גליקלעך איבער גליקלעך.

אונדזער גליק האָט אָבער, לײדער, אָנגעהאַלטן גאָר אַ קורצע צייט. פון די אַלע גרויליקע איבערלעבונגען אין געטאָ, פון דער ניט־זאָרגפעל־טיקער באַהאַנדלונג ביי די גויים, פון די אַלע מאַטערנישן אויף אונדזערע וואַנדער־וועגן נאָכן אַנטלויפן פון ליטע (געניער וועגן דעם — שפּע־טער), איז איר געזונט־צושטאַנד געוואָרן זייער אָפּגעשוואַכט. ניט קענענ־דיק ביישטיין אַ שווערע קראַנקייט, איז זי דעם 25טן דעצעמבער, 1945, אין עלטער פון איבער פיר יאָר, געשטאָרבן אין מינכען און איז געבראַכט געוואָרן צו איר אייביקער רו אויפן דאָרטיקן יידישן בית־עולם.

* * *

אין שטאָט זיינען דאָ ווייניק ליטווינער. פיל פון זיי זיינען פרייוויליק

מיטגעגאַנגען מיט דער אָפּטרעטנדיקער דייטשער אַרמיי קיין דייטשלאַנד. דאָס זיינען בעיקר די, וואָס האָבן אָנטייל גענומען אין די יידן־שחיטות ווי אויך די, וואָס האָבן קאָלאַבאָרירט מיט די נאַציס. זיי אַלע האָבן געהאַט אַ גרונט ניט אַריינצופאַלן אין די הענט פון די סאָוועטן, און זיי זיינען טאַקע דעריבער געלאָפן צוזאַמען מיט די דייטשן. פיל זיינען אויך צוליב די קריגס־אָפּעראַציעס אַנטלאָפן פון שטאָט אין דאָרף, און זיי זיינען נאָך ניטאָ צוריק.

אַ גאַנצע ריי מלוכהשע אינסטיטוציעס און אונטערנעמונגען זיינען שוין טעטיק און האַלטן אין איינשטעלן זייער אַרבעט. די פאַרזאָרגונג פון שפּייז פאַר דער ציווילער באַפעלקערונג איז נאָך ניט אָרגאַניזירט. קיין שפּייז־פאַרטיילונג געשעפטן זיינען נאָך ניטאָ און יעדער איינער מוז זיך באַזאָרגן לעבנסמיטל אויף זיין אייגענער פּויסט.

אַלע יידן גייען אָפּגעריסן און אָפּגעשליסן און מען זוכט וואו עס איז צו קריגן ביי אַ באַקאַנטן קריסט אַ שטיקל בגד צו פאַרדעקן דעם נאַקעטן גוף. מען קען ניט זיין איבערקלייבעריש און מען מוז טראָגן, וואָס מען קען באַקומען. קען מען טאַקע זען, ווי איינער טראָגט אַן אויסגעוואַקסן רעקל מיט קורצע אַרבל און דער צווייטער טראָגט לאַנגע הויזן, וואָס שלעפּן זיך נאָך אויף דער ערד. אַלע זיינען נאָך באַהערשט פון דעם מעכטיקן געפיל פון זיין פריי און מען לייגט ניט קיין אַכט אויף אַזעלכע קלייניקייטן ווי קליידונג אאַז"וו.

די יידן טוליען זיך איינער צום אַנדערן. מען וויל זיין וואָס־מער צוזאַמען און מען באַמיט זיך צו באַקומען וואוינונגען בשכנות איינער פון צווייטן. אין אָוונט זיצט מען שעהן־לאַנג און מען דערציילט זיך איינע די אַנדערע די אַלע שפּאַנענדיקע פּרטים פון ווערן פריי. מען איז פול מיט זאָרג וועגן גורל פון די פאַרשלעפּטע פריינד און באַקאַנטע בעת דער ליקווידאַציע פון געטאָ.

טאָג־איין, טאָג־אויס לויפט מען אין סלאָבאָדקע, אין ראַיאָן פון דער חרוב ומוחרב געוואָרענער געטאָ, וואו דייטשע קריגס־געפאַנגענע ציען אַרויס פון די אויפגעריסענע בונקערס די שיריים פון די פאַרברענטע געטאָ־יידן און באַגראָבן עס אין עטלעכע מאַסן־גריבער לעבן געוועזענעם געטאָ בית־עולם. מיט פאַרקלעמטע הערצער און אַראָפּגעלאָזענע קעפּ שטייען יידן פאַר די בונקער־גריבער און פאַר זייערע אויגן לויפן פאַרביי די גרויליקע בילדער פון דער בלוטיקער געטאָ־ליקווידאַציע.

גויים און גויעס צוזאַמען מיט זייערע קינדער זיינען צעוואָרפן איבערן

שטח פון געטאָ און מיט שפּיציקע אייזנס זוכן זיי אין דער ערד אַרום די פאַרברענטע הייזער פאַרבאַהאַלטענע יידישע „אוצרות". אין זייערע אויגן־בליקן איז צו מערקן אַן אומגעזעטיקטע רויבערישע גיריקייט נאָך יידישן האָב־און־גוטס. מיט פאַראַכטונג און שנאה גייען יידן פאַרביי דעם דאָזיקן מענטשן־אָפּפאַל.

זייער שטאַרק איז די אַנטווישונג צווישן די יידן צוליב דער קאַלטקייט מצד די ליטווישע מאַכטהאָבער ביים פאַרהאַלטן די, וואָס האָבן זיך באַטייליקט אין די יידן־שחיטות. געלינגט שוין יאָ צו דערטאַפּן אַ יידן־מערדער, קען מען אים ערשט דאַן אָנקלאָגן אין געריכט, ווען מען קען צושטעלן עדות, וואָס האָבן געזען ווי ער, דער רוצח, האָט אויסגעפירט זיינע גרוילטאַטן. אָבער וואו קען מען נעמען אַזעלכע עדות? אין ס׳רוב פאַלן זיינען דאָך קיין לעבעדיקע יידישע עדי־ראיה ניט געבליבן, און קיין ליטווינער וועט ניט וואַגן צו זיין אַזאַ עדות קעגן אַן אַנדער ליטווינער. יידן זיינען צוליב דעם זייער שטאַרק פאַרביטערט און ריידן וועגן דעם מיט גרויס פאַרדרוס.

וואָס אַ טאָג ווייטער נעמט מען אַלץ מער טראַכטן וועגן באַקומען אַרבעט. דאָס מוז מען טאָן צוליב עטלעכע סיבות: ערשטנס, קריגן די אַרבעטנדיקע מענטשן אַ ביסל שפּייז אויף די אַרבעטס־פּלעצער און, צווייטנס, האָט מען שוין אָנגעמאָלדן אַ מאָביליזאַציע פון די יאָרגענג צווישן 18 און 50, און די, וואָס אַרבעטן אויף קריגס־וויכטיקע שטעלעס, האָבן אַ מעגלעכקייט צו קריגן אַ „בראָניראָווקע", דאָס הייסט, אַ שוץ ניט צו ווערן גענומען אין אַקטיוון מיליטער־דינסט. דיביידע מאָמענטן צוזאַמען זיינען גענוג וויכטיקע סיבות צו קריגן וואָס־גיכער אַרבעט.

אָבער מערקווירדיק: אין ס׳רוב ערטער, וואו ליטווינער שטייען בראש פון די אַרבעטס־פּלעצער, קען קיין ייד ניט קריגן קיין אַרבעט. דער אָפיציעלער מאָטיוו איז, אַז די פריערדיקע אָנגעשטעלטע אָדער אַרבעטער דאַרפן כלומרשט „די טעג" צוריקקערן צו זייער אַרבעט. דאָס דאַרף הייסן, אַז זיי זיינען צוליב דער מלחמה אַנטלאָפן אין דאַרף און דאַרפן יעדן טאָג קומען צוריק. אין די מערסטע פאַלן איז דאָס אָבער געווען אַ באַוואוסטזיניקע שטרעבונג מצד די ליטווינער איינצוהאַלטן וואָס־מער בראָנירטע אַרבעטס־פּלעצער פאַר די ליטווינער און ניט צולאָזן אויף זיי קיין יידישע בעלנים. יידן זיינען אויפגעבראַכט אויף אַזעלכע האַנדלונגען פון די ליטווינער, אָבער עס קען ניט זיין קיין רייד וועגן גיין זיך קלאָגן אויף זיי.

צום גליק איז צו יענער צייט אין קאָוונע געוואָרן געשאַפן אַ בוי־טרעסט אָפּצובויען די חרוב־געוואָרענע עפּנטלעכע בנינים און פאַבריקן. בראש פון טרעסט איז אַוועקגעשטעלט געוואָרן אַ ליטוויש־יידישער איג־זשינער, וואָס האָט די מלחמה־יאָרן פאַרבראַכט אין רוסלאַנד און האָט דאָרטן זיך שטאַרק אויסגעצייכנט ווי אַן אַרמיי־אינזשינער. ווייל ער האָט ניט געמאַכט קיין שוועריקייטן פאַר יידן אַנצוקומען אויף אַרבעטס־שטע־לעס, וואָס געהערן צום בוי־טרעסט, האָבן די ליטווינער עס גערופן „דער יידישער טרעסט״. צענדליקער יידן האָבן געפונען באַשעפטיקונג אין די ביוראָען און אויף די בוי־פּלעצער פון אָט דעם טרעסט, וואו זיי האָבן טאַקע זיך געפילט פיל היימישער ווי אויף אַנדערע אַרבעטס־פּלעצער, ווייל מען איז אויך ביי דער אַרבעט געווען אין אַ סביבה פון אייגענע מענטשן.

* * *

שוין אין די ערשטע טעג נאָך דער באַפרייאונג איז אין קאָוונע גע־וואָרן געשאַפן אַ יידישע רעליגיעזע קהילה. אין סאָוועט־רוסלאַנד האָט נאָך יעמאָלט לגבי רעליגיע אָנגעהאַלטן אַ מילדערער קורס, וואָס איז געקומען צום אויסדרוק אין די מלחמה־יאָרן, און אויך יידן האָבן דערפון געניאָסן.

בראש פון דער קהילה איז געווען דער יונגער הרב אפרים אשרי, וואָס האָט זיך געראַטעוועט אין אַ געטאָ־בונקער. דאָס ביוראָ פון דער קהילה האָט זיך געפונען אין דער אַמאָליקער הויסמאַנס קלויז אויף מאיראָ־ניא גאַס. די דאָזיקע קלויז איז אויך באַנוצט געוואָרן ווי דער איינציקער בית־מדרש פאַר די געראַטעוועטע קאָוונער יידן. דאָ און דאָרט האָט מען אויף די ווענט פון קלויז געקענט זען דייטלעכע סימנים פון פאַרטריקנטע בלוט־פלעקן, וואָס האָבן געשטאַמט פון די ערשטע אַנטי־יידישע פּאָגראָ־מען אין קאָוונע גלייך נאָכדעם ווי די דייטשן האָבן אָקופּירט די שטאָט.

צו אונדזער גרויסער פאַרוואונדערונג האָבן מיר געזען ווי אין די זונ־טיקס מאַרשירן אָרגאַניזירטערהייט מחנות רויטאַרמייער צום גאָטעס־דינסט אין סאָבאָר, דעם גרעסטן קלויסטער אין קאָוונע. און ניט ווייניקער נייגיר האָבן ביי אונדז אַרויסגערופן די יידישע רויטאַרמייער פון פאַר־שיידענע מיליטערישע ראַנגען, וואָס פלעגן זייער אָפט זיך אַריינכאַפּן אין שול אַריין און געשמאַק מיטדאַוונען מיטן עולם מתפללים.

די קאָוונער יידישע רעליגיעזע קהילה האָט דורך מאָסקווע געפּרוווט אָנקניפּן אַ קאָנטאַקט מיט די אויסלענדישע קרובים פון די לעבן־געבלי־בענע יידן. אויפן אַדרעס פון דער קהילה האָבן גענומען אָנקומען פון

אַ פריידיקע באַגעגעניש צווישן א רוסיש־יידישן אָפיצער און געראַטעוועטע קאָוונער יידן

(פאָטאָ — ה. קאַדיש)

אויסלאַנד טעלעגראַמעס, וואו מען האָט זיך נאָכגעפרעגט אויפן גורל פון פריינד און באַקאַנטע. דורך דער פאַרמיטלונג פון די יידישע הילפס־אָרגאַניזאַציעס אין טעהעראַן, האָבן גענומען אָנקומען די ערשטע פעקלעך שפּייז און קליידער פון די אויסלענדישע קרובים. אין פיל פאַלן האָט מען אָבער געהאַט קליינע נוצן פון די צוגעשיקטע פעקלעך. געשען איז עס סיי צוליב די גאָר הויכע טאַמאָזשנע־אָפּצאָלן, וואָס פלעגן זייער אָפט אַריבערשטייגן דעם ווערט פון די פעקלעך און סיי צוליב דעם, וואָס אומערלעכע פּאָסט־באַאמטע פלעגן אַרויסנעמען פון די פעקלעך די בעסערע זאַכן און אויף זייער אָרט אַוועקלייגן שמאַטעס.

* * *

די געראַטעוועטע יידן האָבן גלייך פון אָנהויב אָן געשאַפן אַ „יידישן קאָמיטעט”, וואָס האָט פריער פאַר אַלץ געדאַרפט זען צו באַזאָרגן דעם יידישן עולם מיט אַ שטיקל ברויט און אַ ביסל זופּ. דאָס זיץ־אָרט פון קאָמיטעט אויף לייסוועס אַלעע איז געוואָרן דער טרעף־פּונקט פון די

באַפרייטע קאָוונער יידן. יעדער איינער האָט געפילט אַן אינערלעכן פאַר־לאַנג יעדן טאָג צו קומען אויפן הויף פון קאָמיטעט און שעהן לאַנג דאָרט זיך אַרומדרייען און שמועסן מיט באַקאַנטע.

איינצלנע קריסטן האָבן גענומען קומען אין קאָמיטעט און אָנמעלדן וועגן יידישן האָב־און גוטס, וואָס געפינט זיך „צופעליק" ביי זיי. זיי האָבן, ווייזט אויס, מורא געהאַט פאַר די מעגלעכע פאָלגן פון געפינען ביי זיי אָנגערויבטן יידישן אייגנטום. געווען אַזעלכע יידן, וואָס האָבן זיך געמאַכט אַ „היתר" און האָבן צוגענומען פרעמדע יידישע זאַכן מיטן אויס־רייד, אַז ס'איז מער יושר דאָס זאָל געהערן אַפילו צו אַ פרעמדן ייד, איידער דאָס זאָל בלייבן ביי די גוים. געווען אויך פאַלן, ווען קריסטן זיינען געקומען אין קאָמיטעט דערציילן, אַז זיי האָבן ביי זיך יידישע קינדער, וואָס די עלטערן האָבן זיי אָפּגעגעבן אויסצובאַהאַלטן פון די נאַצי־רוצחים. זיי האָבן געוואָלט וויסן, ווען זיי קענען צוריקקערן די קינדער.

לכתחילה האָבן די מאַכט־אָרגאַנען זיך גערעכנט מיטן יידישן קאָמי־טעט ווי מיט אַ שטיקל פאָרשטייערשאַפט פון די באַפרייטע יידן. פון טאָג־צו־טאָג איז אָבער די השפעה פון קאָמיטעט געוואָרן אַלץ קלענער און קלענער, ביז ער איז אינגאַנצן געוואָרן ליקווידירט ווי אַן „אומנייטיקע" אינסטיטוציע.

3טער קאַפּיטל

ליטווישע „גרינע" רעוואָלטירן קעגן די סאָוועטן

דער פראַנט שטעלט זיך אָפּ ניט ווייט פון קאָוונע. — ליט־ווישע „גרינע באַטאַליאָנען" אין קאַמף קעגן דער סאָוועטן־מאַכט. — רוצחישער אַנטיסעמיטיזם פון די „גרינע". — די רעגירונג פּרואווט מיט גוטן און מיט בייזן ליקווידירן רעוואָלט פון די ליטווינער

דער קריג איז אין פולן ברען. דער פראָנט געפינט זיך בסך־הכל עטלעכע צענדליק קילאָמעטער פון קאָוונע, ניט ווייט פון ווליאָן, אַ קליין שטעטל אויפן ניעמאַן. די קאַנאָנאַדע פון דער שווערער אַרטילעריע הערט זיך גאַנץ דייטלעך אין שטאָט בפרט ביינאַכט, ווען צוליב מיליטערישער זיכערקייט איז אָפּגעשטעלט דער גאַסן־פאַרקער פאַר דער ציווילער באַ־פעלקערונג. פון צייט־צו־צייט קומען דייטשע עראָפּלאַנען און באָמבאַרדירן די שטאָט.

עפּעס אַ געהיימע האַנט פאַרשפּרייט אין שטאָט קלאַנגען, אַז די דייטשן גרייטן אַן אָפענסיווע צוריקצובאַקומען קאָוונע. אינדערצייט ווען ס'רוב ליטווינער נעמען אויף די קלאַנגען מיט פאַרבאַהאַלטענע פרייד־געפילן, הערן יידן זיך צו מיט גרויס אומרואיקייט צו דער דאָזיקער „גוטער בשורה". פיל יידן טראַכטן וועגן אַריבערהייבן זיך קיין ווילנע, וואָס געפינט זיך פיל ווייטער פון פראָנט, ווי קאָוונע. פאַראַן אויך אַזעלכע יידן, וואָס טראַכטן ערנסט וועגן באַזאָרגן זיך מיט בונקערס, ווי אין די געטאָ־צייטן, וואו זיך אויסצובאַהאַלטן אין אַן עת צרה.

עס דערנענטערט זיך דער טאָג פון דער אַנגעמאָלדענער מאָביליזאַ־ציע. אין לעצטן מאָמענט האָט די רעגירונג פאַרקלענערט די צאָל יאָר־גענג: אנשטאָט פון 18 ביז 50, וועט מען מאָביליזירן נאָר פון 18 ביז 40. יידישע בחורים און מיידלעך מעלדן זיך אָן פרייוויליק אין דער רויטער אַרמיי צו גיין שלאָגן די היטלעריסטן, די גרעסטע שונאים פון יידישן פאָלק. ס'רוב יונגעלייט, אָבער, זוכן צו קריגן „בראָניראָווקעס", דאָס הייסט „געשיצטע" שטעלעס צוליב וועלכע מען קריגט אַ פּראָלאָנגאַציע פון גיין דינען אין מיליטער.

די ליטווינער זיינען, בכלל גענומען, איצט פיל דרייסטער מיט זייער אַנטיסאָוועטיזם, ווי אין די יאָרן 1940־41, בעת דער ערשטער סאָוועטישער הערשאַפט אין ליטע. יעמאָלט האָבן פיל פון זיי געקוקט אויף דער סאָ־וועטישער מאַכט ווי אויף אַ קאַלאָס, וואָס קיינער איז ניט מסוגל איינצו־ברעכן. מיט זיינע איבערראַשנדיקע נצחונות ביים אויסברוך פון דייטש־

רוסישן קריג האָט אָבער היטלער באַוויזן, אַז רוסלאַנד איז גאָרניט אַזאַ אומבאַזיגבאַרער ריז, ווי אַ סך מענטשן זיינען געווען נוטה צו גלויבן. דאָס האָט מיטגעהאָלפן צו פאַרשטאַרקן ביי די ליטווינער זייער האָפע־נונג, אַז אויך דאַסמאָל וועט אפשר די סאָוועטישע הערשאַפט ניט דויערן אייביק און אַז אַ ניי־געשאַפענע אינטערנאַציאָנאַלע פּאָליטישע קאָניונקטור וועט גורם זיין זייער באַפרייאונג פון די סאָוועטן. דאָס האָט זיי צוגעגעבן מוט און דרייסטקייט אין זייער קעגנערשאַפט צו די רוסן.

אַזוי, אַ שטייגער, האָבן די ליטווינער אין דאָרף אָנגעהייבן אָן אָרגאַ־ניזירטן ווידערשטאַנד זיך ניט צו לאָזן מאָביליזירן אין דער רויטער אַר־מיי. גרויסע צאָלן פון די מיליטער־פליכטיקע פּערזאָנען אין דאָרף גייען אַוועק אין די וועלדער, וואו עס ווערן אָרגאַניזירט אַזוי גערופענע „גרינע באַטאַליאָנען" אין קאַמף קעגן די סאָוועטן. עס קומען אָפּט פאָר צוזאַמענ־שטויסן צווישן סאָוועטישע מיליטער־לייט און די „גרינע", וואָס זיינען גוט באַוואָפנט און ווערן אָנגעפירט פון ליטווישע און דייטשע אָפיצערן.

פון טאָג־צו־טאָג צעוואַקסט זיך אַלץ גרעסער די מחנה פון די ליט־ווישע „גרינע" אין די וועלדער. זיי ווערן וואָס ווייטער אַלץ מער אַגרע־סיוו און עס קומען פאָר ביי די ראַנדן פון די וועלדער פאַרביסענע שלאַכטן צווישן זיי און די רוסן. עס האָט שוין פּאַסירט, אַז אַזאַ היפש שטעטל ווי בירזש איז אַ גאַנצע נאַכט געווען פאַרכאַפּט פון די „גרינע", וואָס האָבן בלוטיק זיך נוקם געווען אין די סאָוועטישע באַאַמטע, וואָס זיינען אַריינ־געפאַלן צו זיי אין די הענט אַריין.

זיך געפינענדיק אין די וועלדער ניט ווייט פון זייערע היימען, פון וואַנען זיי קענען ביינאַכט לייכט באַקומען שפּייז, מעדיצינישע הילף אאַז"וו., איז די „גרינע" ניט שווער אָנצוגיין מיט זייער אַנטי־סאָוועטישן קאַמף. אין די מער־אָפּגעלעגענע ווינקלען פון לאַנד גיבן זיי אַפילו אַרויס באַ־פעלן צו די פּויערים וועגן רעקוויזיציעס פון שפּייז, און די דאָזיקע פאַראָרד־נונגען ווערן פּינקטלעך אויסגעפירט. זייער טעראָר קעגן די ליטוויבער, וואָס אַרבעטן מיט מיט דער סאָוועטן־מאַכט איז אַזוי גרויס, אַז די רעגי־רונג מוז אָננעמען ערנסטע מיטלען צו באַשיצן דאָס לעבן פון די באַאמטע.

די „גרינע" און זייערע אָנהענגערס האָפן, אַז די מערבדיקע גרויס־מאַכטן, בפרט אַמעריקע און ענגלאַנד, וועלן נאָך דער מלחמה צווינגען רוסלאַנד צו פאַרלאָזן די באַלטישע לענדער, וואָס זיינען דורך די סאָ־וועטן פאַרנומען געוואָרן בעת דער צווייטער וועלט־מלחמה אין יאָר 1940. דאָס גיט זיי צו מוט און קוראַזש אין זייער קאַמף.

פּאַראַלעל מיט זייער אַנטי־סאָוועטישן קאַמף, איז ביי די „גרינע" זייער שטאַרק אַנטוויקלט דער קעמפּפערישער אַנטיסעמיטיזם. פּונקט אַזוי ווי אין דער צייט פון דער סאָוועטישער הערשאַפט אין ליטע אין די יאָרן 1940־41, זיינען פאַר די דאָזיקע ליטווישע עלעמענטן אויך איצט יידן און קאָמוניסטן איינס און דאָסזעלבע. זיי זוכן ניט נאָר צו פּטרן וואָס מער געראַטעוועטע יידן, נאָר זיי רודפן זייער שטאַרק די קריסטן, וואָס האָבן אויס־באַהאַלטן אַ יידיש קינד אָדער מיט עפּעס אַנדערש געהאָלפן אַ יידן אין דער היטלער־תקופה.

באַזונדער גרויזאַם איז געווען זייער רציחה אין שטעטל קיידאַן, וואו זיי האָבן אויף אַ בעסטיאַלישן אופן דערמאָרדעט דעם געראַטעוועטן יידן מיטן נאָמען געל, וואָס איז געקומען פון קאָוונע קיין קיידאַן אין שליחות פון זיין אַרבעטס־פּלאַץ. זיי האָבן זיין גוף צעשניטן אויף שטיק־שטיקלעך און עס פונאַנדערגעוואָרפן אויף די אַרומיקע גערטנער.

צוליב דער מלחמה און אַנדערע פּאָליטיש־פּסיכאָלאָגישע סיבות איז די סאָוועטישע רעגירונג נאָך ניט גרייט אַנצוווענדן קיין סאַנקציעס אין אַ מאַסן־מאַסשטאַב קעגן די רעוואָלטירנדיקע ליטווינער. אומגעקערט, אין פאַרשיידענע ווענדונגען מצד דער רעגירונג און צענטראַל־קאָמיטעט פון דער ליטווישער קאָמפּאַרטיי ווערט עפנטלעך צוגעזאָגט אַלע „פאַרפירטע" ליטווינער מוחל צו זיין זייערע עברות קעגן דער מאַכט, אויב זיי וועלן צו אַ באַשטימטן טערמין אויפגעבן זייער קאַמף. די דאָזיקע אַפּעלירונגען און צוזאָגן דערגרייכן ניט קיין שום פּראַקטישן ציל, און די רייען פון די „גרינע" ווערן אַלץ גרעסער און גרעסער. ווי עס האָט זיך שפּעטער אַרויסגעוויזן, האָבן די „גרינע" געהאַט זייערע אייגענע מענטשן אין די העכסטע שפּיצן פון ליטווישן מלוכה־אַפּאַראַט, אפילו אין קאָמיסאַרן־ראַט גופא. אַזוי, אַ שטייגער, איז אַ ליטווישער פינאַנץ־קאָמיסאַר בכבודו ועצמו שפּעטער־צו אַרעסטירט געוואָרן אין שייכות מיטן אויפדעקן זיינע פאַר־בינדונגען מיט די „גרינע".

ערשט נאָך דער מלחמה, ווען רוסלאַנד האָט שוין געהאַט פּאַרפעסטיקט איר מאַכט אין די פאַרנומענע מזרח־אייראָפּעאישע לענדער, האָט די סאָוועטישע רעגירונג זיך גענומען צו מאַכן איר חשבון מיט די ליט־ווינער. לויט ידיעות פון אויסלענדישע ליטווישע קרייזן, זאָלן די סאָוועטן האָבן דעפּאָרטירט גאַר א גרויסע צאָל ליטווינער קיין סיביר און אויף זייער אָרט געבראַכט רוסישע קאָלאָניסטן.

4טער קאַפּיטל

ליטווישע מאַכטהאָבערס אונטער־דריקן יידיש־געזעלשאַפטלעכע אַקטיוויטעטן

אין קאָווגע ווערט געשאַפֿן אַ קינדערהיים פֿאַר די געראַטע־וועטע יידישע קינדער. — ליטווישע רעגירונג־אינסטיטוציעס באַקעמפֿן יידישן קינדערהיים. — מערקווירדיקע פֿער־זענלעכקייט פֿון אַ העכערן רוסיש־יידישן מיליטער־מאַן. — יידן אָרגאַנזירן ערשטע טרויער־פֿייערונג צום יאָרצייט נאָך די געטאָ־קדושים. — קאָמפּאַרטיי פֿאַרווערט יידן צו מאַר־שירן צום ניינטן פֿאָרט, וואו ס׳רוב קאָוונער יידן זיינען גע־וואָרן דערמאָרדעט. — יידישע קינדערהיימען און פֿאָלקשולן אין קאָוונע און ווילנע ווערן ליקווידירט.

שוין אין די ערשטע וואָכן נאָך דער באַפֿרייאונג איז פֿאַרן ביסל ניצול־געוואָרענע יידן פֿון קאָוונע אַנטשטאַנען די פֿראַגע, וואָס צו טאָן מיט די געראַטעוועטע יידישע קינדערלעך, וועמענס עלטערן עס זיינען אומגעקו־מען אָדער זיי זיינען דעפּאָרטירט געוואָרן קיין דייטשלאַנד. די דאָזיקע קינדערלעך זיינען אויסבאַהאַלטן געוואָרן ביי קריסטן אין שטאָט און אין דאָרף און איצט זיינען די קריסטן געווען גרייט זיי צוריקצוגעבן צו די יידן. עס זיינען אויך געווען פֿיל פֿאַלן, ווען קריסטן האָבן בשום אופֿן ניט געוואָלט אָפּגעבן די יידישע קינדער צו אַנדערע פּערזאָנען מיט דער טענה, אַז זיי וועלן זיי אָפּגעבן נאָר צו די עלטערן פֿון די קינדער.

לכתחילה זיינען די עלטערנלאָזע קינדערלעך פֿונאַנדערגעטיילט גע־וואָרן צווישן פֿאַרשיידענע יידישע משפּחות אויף אַ פּריוואַטן אופֿן פֿון די געראַטעוועטע יידן גופֿא. אָבער ווען די צאָל קינדערלעך אָן עלטערן האָט שוין דערגרייכט עטלעכע צענדליק און זי האָט געהאַלטן אין ווערן גרעסער, איז נייטיק געוואָרן צו שאַפֿן פֿאַר זיי אַ היים, אַן אינטערנאַט. גלייכצייטיק איז שוין אויך רייף געוואָרן די צייט צו עפֿענען פֿאַר אַלע יידישע קינדערלעך (סיי די, וואָס האָבן עלטערן און סיי די, וואָס האָבן ניט) אַ קינדערגאָרטן און אַ יידישע פֿאָלקשול.

מיט דער הילף פֿון אייניקע פֿאַראינטערעסירטע מענטשן און בפֿרט פֿון אַ סאָוועטיש־יידישן מיליטער־מאַן, וואָס האָט פֿאַרנומען אַ הויכן אַמט אין אַ מיליטערישן שפּיטאָל, איז נאָך אַ גאַנצער ריי שוועריקייטן ענדלעך געלונגען אין האַרבסט 1944 צו עפֿענען דעם אינטערנאַט ווי אויך אַ יידישע פֿאָלקשול צוזאַמען מיט אַ קינדערגאָרטן.

אַחוץ דעם טאָג־טעגלעכן גראַנגל צו באַזאָרגן דעם אינטערנאַט מיט שפייז, האָלץ, בגדים און אַנדערע נייטיקע זאַכן, האָט מען געמוזט אָפּשלאָגן די טענות פון די אָפיציעלע ליטווישע דערציאונגס־אינסטיטוציעס, אַז מען דאַרף ניט האָבן קיין ריין־יידישן קינדער־אַנשטאַלט, נאָר די יידישע קינדער דאַרפן פאַרטיילט ווערן אין די פאַרשיידענע אַלגעמיין־מלוכהשע קינדערהיימען.

נאָר אַ דאַנק די אינטערווענציעס פון דעם יידישן אָפיצער, וואָס האָט געהאַט פאַרבינדונגען אין די הויכע פענצטער פון מאָסקווער בילדונג־קאָמיסאַריאַט, איז געלונגען די דאָזיקע אַטאַקעס אָפּצושלאָגן.

מיט אַן עכט־פאָטערלעכער זאָרג האָט אָט דער טיף־הומאַניסטישער מענטש און ייד געזען, אַז דער יידישער קינדערהיים זאָל באַקומען וואָס אים קומט פון די אָפיציעלע רעגירונגס־אַנשטאַלטן. ער פלעגט אויך געפינען צייט זיך אָפּצורייסן פון זיינע פאַראַנטוואָרטלעכע פליכטן און קומען זייער אָפט אין קינדערהיים, כדי צו געבן וויכטיקע עצות און אָנווייזונגען אין דער אַרבעט. פיל האָט אויך מיטגעהאָלפן פאַרן קיום פון אינטערנאַט אַ ספּעציעל־געשאַפענער יידישער קאָמיטעט, אין וועלכן עס זיינען געווען פאַר־טראָטן איבערגעגעבענע טוער פאַרן קינדערהיים.

דער יידישער קינדערהיים איז אינגיכן געוואָרן דער געזעלשאַפטלע־כער צענטער פון דעם הייפל געראַטעוועטע קאָוונער יידן. אין די פרייע אָוונט־שעהן און די זונטיקס פלעגן יידן זיך צונויפקומען אין דער גרויסער געביידע פון קינדערהיים אויף ווינקל קעסטוטשיאָ און דאוקאַנטאָ גאַסן. דאָ האָט מען זיך געפילט גאַנץ געמיטלעך, ווי אין אַ היימישער סביבה.

* * *

עס האָט זיך דערנענטערט די דאַטע פון 28טן אָקטאָבער, 1944. די געראַטעוועטע יידן האָבן גענומען ריידן וועגן אָראַנזשירן אַ טרויער־פייע־רונג צום דריטן יאָרצייט נאָך דער „גרויסער אַקציע״ אין קאָוונער געטאָ. די דאָזיקע שחיטה איז פאָרגעקומען דעם 28טן אָקטאָבער, 1941, און האָט אָפּגעקאָסט העכער 10 טויזנט קרבנות, וואָס האָבן באַטראָפן 40 פּראָצענט פון דער אַלגעמיינער געטאָ־באַפעלקערונג. צוליב דער גרויסער צאָל קרבנות האָט אָט די מאַסן־הריגה באַקומען דעם נאָמען „די גרויסע אַקציע״.

היות ס׳רוב קאָוונער יידן, און בפרט די קרבנות פון דער גרויסער אַקציע, זיינען אומגעבראַכט געוואָרן אויפן ניינטן פאָרט, וואָס געפינט זיך עטלעכע קילאָמעטער פון סלאָבאָדקע, איז לכתחילה געווען געפּלאַנט אויף דעם טאָג צו אָרגאַניזירן אַ טרויער־מאַרש פון די געראַטעוועטע יידן

צום נײַנטן פאַרט. אָבער צו אונדזער אַלעמענס איבערראַשונג און פאַרדרוס האָט דער שטאָטישער קאָמיטעט פון דער קאָמפּאַרטיי, אונטערן אויסרייד פון פאַרשיידענע פאָרמעלע תּירוצים, פאַרבאָטן דעם יידישן מאַרש צום פאַרט. דער דאָזיקער אומגעריכטער פאַרבאָט האָט אויף די יידן געמאַכט אַ פּײַנלעכן אײַנדרוק און האָט באַשײַנפּערלעך באַוויזן, אַז יידן לעבן אין אַן אומפריינדלעכער סביבה, און אַז אַפילו די העכסטע שפּיצן פון דער ליטווישער קאָמפּאַרטיי זײַנען דורכגעפּרעסן פון יידן־האַס.

אַ טרויער־אַקאַדעמיע איז אָבער יענעם אָונט יאָ פאַרגעקומען אין דער געביידע פון יידישן קינדערהיים. צום ערשטן מאָל נאָך דער באַ־פרייאונג האָבן קאָוונער יידן מספּיד געווען די געטאָ־קדושים. עס איז געווען אַ רירנדיקע און אײַנדרוקספולע געדענק־פייערונג. צו יענער צייט איז נאָך די מחיצה צווישן די לעבן־געבליבענע יידן און די אומגעקומענע גע־ווען זייער דין, און דער עולם האָט בפּועל ממש נאָכאַמאָל דורכגעלעבט און דורכגעפיבערט די גרויליקע זכרונות פון דער מוראדיקער שחיטה.

דער שרײַבער פון די שורות איז געווען איינער פון די רעדנערס אויף דער אַקאַדעמיע. צווישן אַנדערן האָב איך שטאַרק באַטאָנט דעם געדאַנק, אַז אין היסטאָרישן גערАַנגל צווישן בערלין און ירושלים האָט ענדלעך געזיגט ירושלים, און אַז אויך אין די וויטערדיקע קאַמפן צווישן ירושלים און אַן עווענטועלן שונא וועט, האָפנטלעך, ווידעראַמאָל זיגן ירושלים. צוליבן דאָזיקן צופיל יידיש־האָפערדיקן רעיון ווי אויך צוליב אַנדערע „געוואָגטע" דיבורים אין מײַן אויפטריט בין איך געוואָרנט געוואָרן פון גוטע פרײַנד ניט צו פאַרגעסן, וואו איך בין אין דער וועלט...

* * *

די שיקאַנעס לגבי דעם יידישן קינדערהיים מצד די ליטווישע רע־גירונגס־קרײַזן זײַנען וואָס ווייטער געוואָרן אַלץ שטאַרקער און שטאַר־קער, ביז די ליטוויש־קאָמוניסטישע שונאי־ישראל האָבן דערגרייכט זייער ציל און אין אַ צייט אַרום ליקווידירט דעם קינדערהיים. איינע פון די וויכטיקסטע סיבות איז דערביי געווען דער פאַקט, וואָס די אונטערערדישע ציוניסטישע קרײַזן, וועלכע האָבן געהאָלפן יידן אַוועקצוגיין פון רוס־לאַנד, האָבן מיט גרויס מסירת נפש „אַרויסגעגנבעט" אַ גרופּע קינדער פון קינדערהייט און מיט דער הילף פון דער אַזוי גערופענער „בריחה" (אַזוי האָט געהייסן די געהיימע ציוניסטישע באַוועגונג, וואָס האָט געהאָלפן יידן אַנטלויפן פון מזרח־אייראָפּע און אָנקומען קיין ארץ־ישראל) זײַנען זיי סוף־כל־סוף געבראַכט געוואָרן אין יידישן לאַנד.

אַחוץ דעם ײדישן קינדערהײם איז שפּעטער־צו אויך געוואָרן ליקווידירט די קאָוונער ײדישע פאָלקשול און דער קינדערגאָרטן. דער זעלבער גורל האָט אויך געטראָפן דעם ווילנער ײדישן קינדערהײם און דער אָרטיקער ײדישער פאָלקשול. אויך זײ זײנען געוואָרן געשלאָסן דורך דער מאַכט. אַ קורצע צײט זײנען אָט די צווײ ײדישע פאָלקשולן אין קאָוונע און אין ווילנע געווען די אײנציקע פאַרבליבענע „מאָהיקאַנער" פון אַמאָליקן רײכן ײדיש־סאָוועטישן שול־וועזן, וואָס איז בהדרגהדיק ליקווידירט געוואָרן.

5טער קאַפּיטל

יידן ווילן אַוועקגיין פון רוסלאַנד

רעפּאַטריאַציע־אָפּמאַך צווישן רוסלאַנד און פּוילן. — יידן קענען ניט און ווילן ניט בלייבן לעבן אין זייערע חרובע היים־לענדער. — מען טרוימט צו זיין צוזאַמען מיט קרובים אין אויסלאַנד. — יידן פון ווילנער געגנט קענען לעגאַל אַוועקגיין פון רוסלאַנד. — ליטווישע יידן געפינען אַן עצה ווי אַזוי צו ווערן „פּאָליאַקן“ און קענען געניסן פון דער רע־פּאַטריאַציע. — יידן פאַרקויפן זייערע הייזער צו גויים, כדי צו שאַפן די נייטיקע הוצאות.

סוף יאָר 1944 איז צווישן די סאָוועטישע רעפּובליקן אוקראַינע, ווייס־רוסלאַנד און ליטע, פון איין זייט, און דער ציטוויליקער פּוילישער רעגירונג, פון דער צווייטער זייט, געשלאָסן געוואָרן אַ רעפּאַטריאַציע־אָפּמאַך וועגן אַ קעגנזייטיקן אויסטויש פון די געוועזענע בירגער פון די באַטרעפנדיקע לענדער. אין דער נאָך־מלחמהדיקער אייראָפּע האָט מען, ווי באַקאַנט, אַזעלכע מאָדערנע פעלקער־איבערוואַנדערונגען באַטראַכט ווי דעם „בעסטן“ אויסוועג צו לייזן דאָס פּראָבלעם פון נאַציאָנאַלע מינדערהייטן.

דער אָפּמאַך איז געווען חל אויף די פריערדיקע פּוילישע בירגער, וואָס זיינען אויטאָמאַטיש געוואָרן סאָוועטישע בירגער, ווען די רוסן האָבן נאָכן אויסברוך פון דער צווייטער וועלט־מלחמה אין יאָר 1939 פאַרנומען אַ ריי פּוילישע פּראָווינצן. די דאָזיקע מענטשן האָבן געהאַט רעכט צו באַשליסן, צי זיי ווילן בלייבן אין רוסלאַנד און זיין סאָוועטישע בירגער, אָדער זיי ווילן פאָרן קיין פּוילן און ווערן פּוילישע בירגער. גלייכצייטיק האָבן אויך אוקראַינער, ווייסרוסן און ליטווינער, וואָס האָבן געלעבט אין פּוילן, געקענט אויסוויילן, צי זיי ווילן בלייבן אין פּוילן, אָדער צוריקפאָרן קיין רוסלאַנד.

עטלעכע מיליאָן מענטשן אין רוסלאַנד און פּוילן זיינען געוואָרן באַ־רירט פון אָט דעם אָפּמאַך, צווישן זיי אַ פערטל מיליאָן פּוילישע יידן, וואָס האָבן בעת דער מלחמה געפונען אַן עיר־מקלט אין סאָוועט־רוס־לאַנד.

גילטיק איז געווען דער אָפּמאַך אויך פאַר ווילנע און אומגעגנט, וואָס האָבן ביז סעפּטעמבער 1939 געהערט צו פּוילן און זיינען איצט געווען באַשטאַנד־טיילן פון דער סאָוועטישער ליטע אָדער פון ווייסרוסלאַנד.

יעדער לאַנדווירטשאַפטלעכער רעפּאַטריאַנט האָט געקענט מיטנעמען

מיט זיך ביז צוויי טאָן זאַכן פאַר זיין משפחה, און יעדער שטאָטישער איינ־וואוינער — איין טאָן זאַכן פאַר דער משפחה און חוץ דעם די געצייג פון זיין פּראָפעסיע. איטלעכע רעפּאַטריאַנטן־משפחה האָט אויך געקענט מיט־נעמען געלט ביז טויזנט רובל אָדער טויזנט זלאָטעס.

כדי אויפצופּאַסן אויף דער דורכפירונג פון אָפּמאַך, זיינען אין אַ ריי פּונקטן פון רוסלאַנד און פּוילן געשאַפן געוואָרן געמישטע רעגירונגס־קאָמיסיעס פאַר די ענינים פון רעפּאַטריאַציע. אַזאַ קאָמיסיע איז אויך געווען טעטיק אין ווילנע.

עס איז געקומען די יאַלטער קאָנפערענץ, וואָס איז אין פעברואַר 1945 אָפּגעהאַלטן געוואָרן צווישן רוזוועלטן, טשוירטשילן און סטאַלינען. אויף דעם היסטאָרישן צוזאַמענקום האָבן די „גרויסע דריי" אויסגעאַרבעט זייערע ענדגילטיקע סטראַטעגישע פּלענער צו פאַרענדיקן זייער רומפולן זיג איבער היטלערן און זיינע פאַרבינדעטע. קיינעם איז אוודאי נאָך יעמאָלט ניט אַרויפגעקומען אויפן זינען דער געדאַנק, אַז די נאָך־מלחמהדיקע באַ־ציאונגען צווישן די זיגער גופא וועלן ווערן אַזוי געשפּאַנט, אַז בסך־הכל אין עטלעכע יאָר אַרום נאָך דער צווייטער וועלט־מלחמה וועט די וועלט ווידעראַמאָל שטיין פאַרן תהום פון אַ נייער, דריטער וועלט־שחיטה. אומגעקערט, דער פּשוטער מענטש פון דער גאַס האָט אין יענע טעג אוודאי געטרוימט, אַז ערשט איצט, נאָכן אַזוי שווער אויסגעקעמפטן זיג איבערן נאַציזם און פאַשיזם, וועט די אויסגעמאַטערטע מענטשהייט האָבן אַ לענ־גערע תקופה פון רו און פרידלעכן ווידעראויפבוי.

אָבער וואָס און ווי אַזוי איינער האָט ניט געהאַט געטראַכט אין יענע וואָכן און חדשים מכוח דער נאָענטער און ווייטער צוקונפט, איז פאַרן סאָוועטישן מענטשן, בפרט אָבער פאַרן הייפל געראַטעוועטע יידן פון ליטע, געווען מער ווי זיכער, אַז וואָס־ניט־וואָס נאָר די סאָוועטישע רעגירונג וועט אַפילו נאָך דער מלחמה געוויס ניט בטול מאַכן דעם שטרענגן פאַר־באָט פאַר אירע בירגער אַרויסצופאָרן קיין אויסלאַנד. פאַר דער איבערוועגנ־דיקער מערהייט באַפרייטע יידן איז צוליב כמה וכמה טעמים געווען מער ווי קלאָר, אַז זיי וועלן בשום אופן ניט געפינען קיין מנוחה אין ליטע, מעג עס אַפילו זיין אַ סאָוועטישע ליטע.

ס׳רוב ניצול־געוואָרענע יידן האָבן ניט געקענט און ניט געוואָלט בויען פונדאַסניי זייער לעבן אויפן ראַנד פון די מאַסן־קברים און חרובע היימען פון זייערע נאָענטסטע און טייערסטע, וואָס זיינען אויף אַ בעסטיאַלישן אופן אומגעבראַכט געוואָרן דורך די דייטשן און זייערע ליטווישע מיט־

העלפערס. ווער פון די לעבן־געבליבענע געטאָ־יידן האָט דען געקענט פאַרגעסן כאָטש אויף אַ מינוט דעם טרויעריקן פאַקט, אַז די הענט פון גרויסע טיילן פון ליטווישן פאָלק זיינען אַזוי שטאַרק איינגעפלעקט אין יידישן בלוט?

חוצדעם איז דאָך כמעט איטלעכער געראַטעוועטער ייד געבליבן עלנט און פאַראיינזאַמט און איז געווען באַהערשט פון אַ טיפן באַגער זיך צו געפינען אין דער פריינדלעכער סביבה פון נאָענטע קרובים, פאַר וועמען ער זאָל קענען זיך אַראָפּריידן פון האַרצן נאָך די אַלע גרויליקע איבערלעבונגען אין די היטלער־יאָרן. און דאָס האָט דאָך באַדייט ניט מער און ניט ווייניקער ווי פאַרלאָזן רוסלאַנד און קומען צו די קרובים אין ארץ־ישראל, אַמעריקע און אַנדערע לענדער מעבר לים.

פאַר די ווילנער יידן, וואָס זיינען ביז דער מלחמה געווען פוילישע בירגער, האָט די אָנגעמאָלדענע רעפּאַטריאַציע אויפגעשיינט מיט אַ פייערל פון האָפענונג צו קענען רעאַליזירן דעם טרוים פון פאַרלאָזן רוסלאַנד. מען איז געווען זיכער, אַז פון פוילן וועט שוין זיין ניט אין ערך לייכטער אַרויסצופאָרן לעגאַל אָדער אומלעגאַל קיין אויסלאַנד.

האָבן טאַקע ליטווישע יידן פון קאָוונע, שאַוול און אַנדערע ישובים מיט גרויס קנאה געקוקט אויף די ווילנער יידן, וואָס האָבן מיטאַמאָל באַ־קומען אַזאַ אומדערוואַרטע פּריווילעגיע ווי צו קענען לעגאַל פאַרלאָזן די גרענעצן פון רוסלאַנד. ביי די ליטווישע יידן איז דעריבער אַנטשטאַנען די פראַגע: וואָס טוט מען? ווי גיט מען זיך אַן עצה, אַז אויך אַ ליטווישער ייד זאָל קענען געניסן פון די רעפּאַטריאַציע־מעגלעכקייטן קיין פוילן?

און דער איינציקער ענטפער אויף דער געשטעלטער האַרבער שאלה איז באַשטאַנען אָט אין וואָס: מען דאַרף זען אויף דעם אָדער יענעם וועג אויף אַ שטיקל צייט אָפיציעל צו ווערן אַ פוילישער ייד... קאָנקרעט האָט עס געהייסן, אַז מען דאַרף זען אַרויסצוקריגן אַ רעגירונגס־באַשייני־קונג, אַז מען איז כלומרשט דער און דער, דער אַמאָליקער תושב פון ערגעץ אַ ישוב אין ווילנער געגנט. אין דעם פאַל האָט מען געקענט זיך באַנוצן מיטן נאָמען פון אַן אומגעקומענעם יידן, לאָמיר זאָגן, פון לידע, אַשמענע אָדער אַן אַנדער שטעטל אַרום ווילנע, ווייל פאָרמעל איז דאָך ניט געווען באַוואוסט, וועלכער ייד איז אומגעקומען און וועלכער ניט. האָבנדיק אַזאַ דאָקומענט אויף דער האַנט, האָט מען געקענט פּרעטענדירן אויף רעפּאַטריאַציע קיין פוילן צוזאַמען מיט אַלע אַנדערע געוועזענע פּוי־לישע בירגער.

אין אַמאָליקן צאַרישן רוסלאַנד איז געווען אין אומגאַנג אַ שפּריכ־ווערטל, אַז „אין רוסלאַנד איז ניטאָ אַזאַ זאַך ווי ניטאָ"... (וו ראָסיאי ניעט טשעוואָ ניעט). דאָס האָט געדאַרפט הייסן, אַז ווען מען שטרענגט זיך אָן, קען מען אין רוסלאַנד אַלץ דערגרייכן, ניט געקוקט אויף די אָדער יענע שטרענגע געזעצן אָדער חומרות. אין אַ געוויסער מאָס איז דאָס דאָזיקע פּילזאָגנדיקע ווערטל גילטיק אויך אין סאָוועט־רוסלאַנד. דער חילוק באַשטייט נאָר אין דעם, וואָס אין אַזעלכע פאַלן איז די ריזיקע פיל גרעסער, ווי אין אַמאָליקן צאַרישן רוסלאַנד.

עס האָבן זיך שוין איינגעפונען „מאַכערס", וועלכע האָבן פאַר אַ גאַנץ היבשער באַלוינונג, וואָס האָט באַטראָפן אַן ערך פינף טויזנט רובל פּראָ פּערזאָן, זיך אונטערגענומען אייך איבערצוגעבן אין האַנט אַריין דעם נייטיקן דאָקומענט זיך צו רעפּאַטריאירן קיין פּוילן, אויסמיידנדיק פּערזענלעך צו האָבן צו טאָן מיט די אַלע באַטרעפנדיקע רעגירונגס־אינסטיטוציעס.

און די הויפּט־מניעה איז אין דעם פאַל באַשטאַנען ניט נאָר אין קענען שאַפן די נייטיקע היפּשע סומע געלט (דאָס איז, אגב, פאַר אַ סך געראַטעוועטע יידן געווען גאָרניט פון די לייכטע זאַכן), נאָר דער עיקר איז דאָ געווען — די מורא פאַרן אַריינפאַלן מיט אַזאַ געפעלשטן דאָקומענט אין די הענט פון עם־ווע־דע (געוועזענע נ.ק.וו.ד.) און דער דערוואַרטער גורל אין אַזאַ פאַל. נאָר די, וואָס קענען פון פּערזענלעכער דערפאַרונג די סאָוועטישע ווירקלעכקייט, זיינען מסוגל צו פאַרשטיין די געפילן פון אַ סאָוועטישן מענטשן, וואָס ווערט געצוואונגען פון לעבן צו באַגיין אַ פאַרברעכן קעגן דער מאַכט און דערנאָך שטיין פאַר דער געפאַר צו קומען אין קאָנפליקט מיט דער „סאָוועטישער גערעכטיקייט".

אָבער דער דראַנג צו קענען זיך אַרויסרייסן פון רוסלאַנד און דערגרייכן די פרייע וועלט האָט זיך אַרויסגעוויזן צו זיין פיל שטאַרקער ווי די מורא אַריינצופאַלן אין די הענט פון עם־ווע־דע. און די מער־געוואַגטע ליטווישע יידן האָבן גענומען גיין אויף דעם ביז־גאָר ריזיקאַלישן וועג פון אַרויסבאַקומען די נייטיקע פּאַפּירן זיך צו רעפּאַטריאירן קיין פּוילן אַלס כלומרשט געוועזענע פּוילישע בירגער.

ווי עס איז שוין פריער געווען דערמאָנט, איז אין ווילנע געווען דער זיץ־אָרט פון דער רעפּאַטריאַציע־קאָמיסיע פאַר ווילנע און אומגעגנט. צו יענער צייט האָט מען אין רוסלאַנד געקענט פאָרן פון איין שטאָט אין דער צווייטער נאָר מיט אַ ספּעציעלער „קאָמאַנדיראָווקע" (ריי־זע־שליחות) פון דער אַרבעטס־שטעלע. דאָס אַרויסבאַקומען אַזאַ קאָ־

מאַנדיראָווקע איז געווען פאַרבונדן מיט אַ געוויסער פּראָצעדור, וואָס איז אויסן געווען צו פאַרשווערן דאָס אַרומפאָרן פון איין אָרט אין צווייטן.

פאַר אַ קאָוונער יידן, וואָס האָט ענדלעך זיך אַנטשלאָסן צו לאָזן אויפן וועג פון רעפּאַטריאַציע קיין פּוילן, איז דעריבער געווען פיל ראַט־זאַמער זיך צו געפינען אין ווילנע, וואו מען קען אָנקניפּן אַ קאָנטאַקט מיט די „מאַכערס" און נאָכפאָלגן דעם גאַנג פון דער רעפּאַטריאַציע, איידער צו זיצן אין קאָוונע, ווייט פון דעם אַלעמען. אונטערן אויסרייד פון פאַר־שיידענע אומשולדיקע תירוצים האָבן קאָוונער יידן זיך גענומען אַריבער־הייבן קיין ווילנע אויף דאָרטיקע אַרבעטס־שטעלעס. אין ווילנע, ווי די הויפּט־שטאָט פון דער ליטווישער סאָוועטישער רעפּובליק, האָבן זיך איינ־געפונען ניט נאָר די צענטראַלע רעגירונגס־אינסטיטוציעס, נאָר אויך די פאַרשיידענע טרעסטן און אַנדערע מלוכה־אונטערנעמונגען, וואָס האָבן געהאַט זייערע אָפּצווייגונגען אין קאָוונע. עס איז דעריבער געווען ניט שווער אויסצופועלן מען זאָל עמיצן אַריבערהייבן אַרבעטן פון קאָוונע קיין ווילנע.

אין די סאָוועטישע באַדינגונגען, וואו דער מענטש דאַרף זיין אַזוי שטאַרק אָפּגעהיט ניט נאָר מיט זיינע מעשים, נאָר אויך מיט זיינע מחשבות, איז עס געווען גאָרניט פון די לייכטע זאַכן צו שטעלן אַפילו די ערשטע שריט אין דער ריכטונג פון אַוועקגיין פון רוסלאַנד. נאָר גאָר־נאָענטע באַקאַנטע פלעגן זיך דערלויבן בסוד־סודות זיך אַדורכצורעדן וועגן אַזעל־כע שטרענג־קאָנספּיראַטיווע ענינים, ווי אַ שטייגער, ווי אַזוי צו געפינען אַ וועג צו אַ מאַכער, וואָס איז ניט קיין שווינדלער, וועלכער איז נאָר אויסן אויסצונאַרן די פּאָר טויזנט רובל; ווי אַזוי זיך אויסצוהיטן פון דעם וואַכ־זאַמען אויג פון עם־ווע־דע אין צייט פון אַלע צוגרייטונגען צו רעפּאַט־ריאַציע; ווי אַזוי צו שאַפן די נייטיקע סומע געלט, וואָס באַטרעפט פאַר אַ משפחה פון דריי־פיר מענטשן אַ 20־15 טויזנט רובל אאַז"וו.

אויף דער לעצטער פראַגע האָט מען געפונען פאָלגנדיקע תשובה: יידן האָבן גענומען אויספאַרקויפן צו גוים זייערע אייגענע הייזער אָדער די הייזער פון זייערע גאָר נאָענטע אומגעקומענע קרובים (די גרעסערע הייזער זיינען געווען נאַציאָנאַליזירט דורך דער רעגירונג. פאַרקויפן האָט מען געקענט נאָר קלענערע הייזער, וואָס זיינען ניט געווען נאַציאָנאַלי־זירט). ניט שווער איז געווען צו פאַרקויפן אַ הויז, וואָס איז געווען פאַר־שריבן אויפן אייגענעם נאָמען. כדי אָבער צו קענען פאַרקויפן אַ הויז, וואָס האָט געהערט צו אַ גאָר נאָענטן אומגעקומענעם קרוב, האָט מען

פריער געדאַרפט דאָקומענטאַל דערווייזן, אַז דער באַטרעפנדיקער קרוב איז טאַקע אומגעקומען און וואַרטן ביז דאָס געריכט וועט אנערקענען דאָס רעכט אויף ירושהשאַפט.

אָבער דאָס אַלץ איז געווען פאַרבונדן מיט אַ פּראָצעדור פון לאַנגע חדשים, און דאָ ברענט די ערד אונטער די פיס, ווייל דער טערמין פון רעפּאַטריאַציע איז אַ גאַנץ באַגרענעצטער. דורכן „וויכער" מאַכן דאָס האַרץ פון באַאמטן, וואָס איז ממונה פאַר די ענינים, האָט מען געזען אויס־צומיידן די אַלע פאָרמעלע מניעות ביים פאַרקויפן אַ הויז. אין לעצטן סך הכל זיינען געבליבן צופרידן אַלע דריי צדדים: דער ייד, וואָס האָט געשאַפן אַ ביסל געלט צו קענען זיך „רעפּאַטריאירן" קיין פּוילן; דער גוי, וואָס האָט בחצי חנם איינגעהאַנדלט אַ יידיש הויז; און דער מלוכה־באַאמטער, וואָס האָט געקראָגן זיין חלק פאַרן ניט שטערן אַדורכצופירן די גאַנצע טראַנזאַקציע.

6טער קאַפּיטל

„רעפּאַטריאַציע" פון ליטווישע יידן קיין פּוילן

ערשטע געלונגענע פּרוּוון פון ליטווישע יידן אַוועקצוגיין קיין פּוילן. — די פאַלן מיט אַ יידישן מיליציאָנער און אַ קאָוונער יידישן אַדוואָקאַט. — עס־ווע־דע פאַרשפּרייט קלאַנ־גען וועגן אַרעסט פון קאָוונער יידן בעת דער גרענעץ־קאָנטראָל. — די „גאָלדענע עפּאָכע” אין דער געשיכטע פון יידישן אַנטלויפן פון ליטע. — צוויי גרעסערע דורכפאַלן.

ענדלעך זיינען געוואָרן באַשטימט די דאַטעס פון די ערשטע רע־פּאַטריאַציע־טראַנספּאָרטן קיין פּוילן. ניט האָבנדיק קיין שום באַגריף, ווי אַזוי עס וועט אויסזען די גאַנצע פּראָצעדור פון קאָנטראָלירן די רע־פּאַטריאירטע פּערזאָנען אויף דער רוסיש־פּוילישער גרענעץ, האָט זעלטן־ווער פון די איבער־נאַכט געוואָרענע קאָוונער „פּאָליאַקן” געוואַגט צו פאָרן מיטן ערשטן טראַנספּאָרט. מען האָט אומבאַדינגט געוואָלט פריער הערן אַ שטיקל גרוס פון דער פּראָצעדור ביי דער גרענעץ, כדי צו קענען זיך אָריענטירן אין דער לאַגע.

צום גליק זיינען די גרוסן פון ערשטן טראַנספּאָרט געווען ניט קיין שלעכטע. די רעוויזיע פון די דאָקומענטן איז ניט געווען קיין צו שטרענגע. די עס־ווע־דע מיליטער־לייט, וואָס זיינען געווען ממונה אויף די גרענעץ־ענינים, האָבן, בכלל גענומען, אַדורכגעלאָזן די אַלע, וואָס האָבן געהאַט די נייטיקע רעפּאַטריאַציע־דאָקומענטן. עס זיינען יאָ געווען פאַלן פון פאַרהאַלטן בעת דער גרענעץ־קאָנטראָל איינצלנע פּערזאָנען אָדער גאַנצע משפּחות, אָבער קיין מאַסן־כאַראַקטער האָט עס ניט געטראָגן. דאָס האָט, פאַרשטייט זיך, צוגעגעבן מוט אַ ריי קאָוונער יידן זיך אָנצומעלדן צו די קומענדיקע רעפּאַטריאַציע־עשאַלאָנען.

נאָכדעם ווי איניקע קאָוונער יידן האָבן בשלום זיך „רעפּאַטריאירט” קיין פּוילן, האָבן אַ פּאָר פאַלן אויף אַ קורצער צייט אַריינגעטראָגן אַ שטיקל מהומה צווישן די, וואָס זיינען געווען גרייט אַוועקצוגיין פון ליטע.

איין פאַל איז געווען אַזאַ:

אַ געראַטעוועטער יידישער בחור, וועמעס עלטערן עס זיינען בעת דער געטאָ־ליקווידאַציע געוואָרן פאַרשלעפּט קיין דייטשלאַנד, האָט גע־דינט ווי אַ מיליציאָנער אין סלאָבאָדקע. אין איינעם אַ טאָג פון מערץ,

1945, איז ער פלוצלונג פאַרשוואונדן געוואָרן צוזאַמען מיט זיין געווער. צוערשט האָט עס־ווע־דע געהאַט אַ חשד, אַז ער איז, ווייזט אויס, דער־מאָרדעט געוואָרן פון די ליטווישע אַנטי־סאָוועטישע עלעמענטן — אַ זאַך, וואָס איז אין יענע צייטן געווען אַ גאַנץ־געוויינלעכע דערשיינונג.

אין גאַנג פון דער אויספאָרשונג איז עס־ווע־דע דערגאַנגען פון אַ יידישן יוגנטלעכן, וואָס האָט געאַרבעט אין איינער פון אירע אינסטיטוציעס, אַז דער פאַרשוואונדענער מיליציאָנער האָט געהאַט אַ באַקאַנטע יידישע מיידל מיט וועמען ער איז געווען נאָענט באַפריינדעט. דאָס דאָזיקע מיידל איז אין יאָר 1943 געווען אַנטלאָפן פון קאָוונער געטאָ, און זי האָט זיך אויס־באַהאַלטן אין שטאָט אַלס כלומרשטע ליטווינערין. שפּעטער־צו איז זי אַלס קריסטין געווען פאַרשיקט אויף אַרבעט קיין מזרח־פּריסן. ווען די רוסן האָבן געהאַט פאַרנומען די געגנט אין פּריסן, וואו דאָס פאַרשטעל־טע יידישע מיידל האָט געאַרבעט, איז זי געוואָרן באַפרייט און האָט זיך צוריקגעקערט קיין קאָוונע. אַרויסגעוויזן האָט זיך, אַז אויך זי איז גע־וואָרן פאַרשוואונדן פון קאָוונע אין דער זעלבער צייט וואָס דער מיליציאָנער.

נאָך אַ לענגערן דריבלען דעם גאַנצן ענין, איז עס־ווע־דע דערגאַנ־גען, אַז דער מיליציאָנער און זיין מיידל זיינען ביידע אַוועק פון קאָוונע קיין ווילנע מיט דער כוונה צו אַנטלויפן קיין פּוילן. לכתחילה האָבן ציר־קולירט קלאַנגען, אַז דאָס פּאָרל איז געוואָרן פאַרהאַלטן אויף דער פּויליש־רוסישער גרענעץ, און זיי זיינען דורך אַ קריגס־געריכט פאַרמשפּט גע־וואָרן אויף 15 יאָר שווערע תפיסה. עס האָט אָבער זיך אַרויסגעוויזן, אַז די דאָזיקע קלאַנגען זיינען געוואָרן פאַרשפּרייט פון עס־ווע־דע מיטן ציל אָפּצושרעקן די בעלנים אויף „רעפּאַטריאַציע". אין דער אמתן זיינען זיי בידע בשלום אַריבער די גרענעץ און האָבן נאָך לאַנגע גלגולים דער־גרייכט ארץ־ישראל, וואו זיי געפינען זיך עד היום הזה.

אַ צווייטער ענלעכער פאַל איז געווען מיט אַ געראַטעוועטן קאָוונער יידישן אַדוואָקאַט, וואָס האָט נאָך דער באַפרייאונג פאַרנומען אַ זייער פאַראַנטוואָרטלעכן מלוכה־פּאָסטן.

עס האָט אויסגעזען, אַז דער אַדוואָקאַט איז אוודאי ביז־גאָר צופרידן פון זיין בכבודיקן אַמט, וואָס גיט אים אַ מעגלעכקייט צו מאַכן אַ פיינעם לעבן. ווי גרויס איז דעריבער געווען אַלעמענס איבערראַשונג, ווען אין איינעם אַ פרימאָרגן איז געוואָרן באַוואוסט, אַז ער מיט זיין פרוי זיינען נעלם געוואָרן פון קאָוונע און זיינען אַנטלאָפן קיין פּוילן. אויך דאָסמאָל זיינען געווען פאַרשפּרייט „זיכערע" ידיעות, אַז זיי זיינען אַרעסטירט גע־

וואָרן ניט ווייט פון גראָדנע ביים אַריבערגיין די גרענעץ צווישן רוסלאַנד און פוילן. מען האָט אַפילו געוואוסט צו דערציילן די גענויסטע „פרטים״, ווי אַזוי די זאַך איז געשען. אָבער עס האָט לאַנג ניט געדויערט און מען איז דערגאַנגען, אַז די מעשה מיט זייער אַרעסט איז ניט מער ווי אַ פּשוטער ליגן, וואָס איז פון עמעצן פאַרשפּרייט מיט דער כוונה אָנצוואַרפן אַ פּחד אויף די, וואָס האַלטן ביים אַוועקגיין פון רוסלאַנד אויף אַן אומלעגאַלן אופן.

די דאָזיקע ביידע פאַלן האָבן דאָך קיינעם ניט אָפּגעשראָקן, און דער וואָס האָט געהאַט באַשלאָסן אַוועקצוגיין קיין פוילן, האָט עס געזען צו טאָן וואָס־פריער. עס האָט געהערשט די מורא, אַז די מאַכט־אָרגאַנען וועלן אין איינעם אַ טאָג זיך אַ נעם טאָן צום יידישן אַנטלויפן פון ליטע און מאַכן אַ סוף צו אָט דער אייגנאַרטיקער יידישער „עמיגראַציע״.

ווען די צאָל אַנטלאָפענע יידן איז געוואָרן אַלץ גרעסער און גרעסער און עס האָט געמאַכט דעם איינדרוק, אַז די רעגירונג זעט און הערט אַלץ, וואָס קומט פאָר צווישן די געראַטעוועטע ליטווישע יידן, אָבער זי נעמט ניט אָן קיין מיטלען קעגן דעם, האָבן יידן גענומען זוכן אַ דערקלערונג אויף דער אומפאַרשטענדלעכער האַלטונג מצד דער מאַכט. עס זיינען דער־ביי אַרויסגעזאָגט געוואָרן עטלעכע השערות. די סאַמע פאַרשפּרייטסטע השערה איז געווען, אַז די סאָוועטן־מאַכט איז, אין תוך גענומען, צופרידן פון דעם, וואָס די יידן אַנטלויפן און זי ווערט אויף אַזאַ אופן פּטור פון האָבן צו טאָן מיטן פאַרשאַרפטן אַנטיסעמיטיזם אין די געביטן ,וואָס זיי־נען געווען אָקופּירט פון די נאַציס.

מען האָט זיך משער געווען, אַז בפרט זיינען די ליטוויש־קאָמוניסטי־שע מאַכטהאָבערס צופרידן פון דער געשיכטע מיטן יידישן אַנטלויפן פון ליטע. זיי, די ליטווישע קאָמוניסטן, צוגלייך מיט די אַנטי־סאָוועטישע ליט־ווינער — האָבן יידן געטראַכט — זיינען שטאַרק פאַראינטערעסירט אין דעם, עס זאָלן זיין אין ליטע וואָס־ווייניקער לעבעדיקע יידישע עדות פון די גרויזאַמע יידן־שחיטות, אין וועלכע גרויסע טיילן פון דער ליט־ווישער באַפעלקערונג האָבן זיך באַטייליקט מיט אַזאַ התמדה. מחמת דעם, האָט מען געמיינט, מאַכן זיך די סאָוועטיש־ליטווישע באַלעבאַטים פון לאַנד ווי זיי וואָלטן גאָרניט געזען, וואָס עס קומט פאָר ביי זיי אונטער דער נאָז מיטן ביסל געראַטעוועטע יידן.

אין אַ געוויסער צייט אַרום האָבן אָבער די מאַכט־אָרגאַנען מיט אַ פעסטער האַנט זיך גענומען צו דערשטיקן די ליטוויש־יידישע „רעפּאַ־טריאַציע״ קיין פוילן (גענויער וועגן דעם — אַ ביסל שפּעטער) און פון די

אַלע יידישע סברות האָט זיך אויסגעלאָזן אַ טייך. אָבער וואָס עס זאָל ניט האָבן געווען די אמתע סיבה פון דעם, וואָס לכתחילה האָט די רעגי־רונג געהאַט צוגעמאַכט אַן אויג און ניט באַקעמפט דאָס יידישע אַנטלויפן קיין פוילן, בלייבט דער פאַקט אַ פאַקט: במשך עטלעכע חדשים איז אַ היפשע צאָל ליטווישע יידן אַוועק מיטן רעפּאַטריאַציע־שטראָם קיין פוילן, און די מאַכט האָט גאָרניט געטאָן, כדי אָפּצוהאַלטן דאָס דאָזיקע יידישע געלויף.

צוערשט האָט דער דראַנג צו אַנטלויפן קיין פוילן געהאַט פאַרכאַפּט די גרעסטעטעטע געטאָ־יידן און אין אַ פיל קלענערער מאָס די נאָר־וואָס צוריקגעקערטע ליטווישע יידן פון רוסלאַנד, וואוהין זיי האָבן באַוויזן זיך צו עוואַקואירן ביים אויסברוך פון רוסיש־דייטשן קריג. אָבער אָנהייב פרילינג 1945 האָבן ביסלעכווייז גענומען צוריקקערן קיין ליטע די רעשט־לעך באַפרייטע פרויען פון קאָוונער און שאַוולער געטאָס, פון וואַנען זיי זיינען אין יולי 1944 געוואָרן דעפּאָרטירט אין פאַרשיידענע אַרבעטס־לאַגערן אַרום שטוטהאָף און אַנדערע פונקטן אין פּרייסן. זייער פיל פרויען זיינען אין די אַרבעטס־לאַגערן אומגעקומען פון עבודת־פּרך, הונגער, קראַנקייטן און אַנדערע פורעניות, און די גליקלעכע, וואָס זיינען געבליבן לעבן, זיינען אין די ערשטע חדשים פון יאָר 1945 געוואָרן באַפרייט דורך די רוסישע אַרמיי־טיילן, וואָס האָבן יעמאָלט געהאַלטן אין פאַרנעמען פּרייסן.

די דאָזיקע פריי־געוואָרענע פרויען האָבן געאיילט קיין ליטע מיט דער כוונה דאָרטן צו געפינען זייערע מענער, וואָס זיינען גלייכצייטיק מיט זיי פאַרשלעפּט געוואָרן קיין דייטשלאַנד, אָדער זייערע קינדערלעך, וואָס זיי האָבן אין די געטאָ־צייטן געהאַט אָפּגעגעבן אויסצובאַהאַלטן אין קריסט־לעכע משפחות. ניט געפינענדיק אין ליטע זייערע מענער (די מענער זיי־נען געווען פאַרשלעפּט אַרום דאַכאַו און קליינע רעשטלעך פון זיי זיינען געוואָרן באַפרייט דורך די אַמעריקאַנער סוף אַפּריל און אָנהויב מאַי 1945), זיינען פיל געראַטעוועטע פרויען מיטגעריסן געוואָרן מיטן שטראָם פון „רעפּאַטריאַציע" און זיינען אַוועק קיין פוילן.

אַנדערש איז געווען די לאַגע מיט די באַפרייטע מענער.

עס זיינען געווען פיל פאַלן, ווען פריי־געוואָרענע מענער, וואָס האָבן זיך געלאָזט קיין ליטע דורך פוילן, האָבן אין פוילן געפונען זייערע פרויען, און זיי האָבן דעם ווייטערדיקן בריחה־וועג שוין אַדורכגעמאַכט צוזאַמען. ס'רוב מענער, וועמעס פרויען עס האָבן זיך נאָך ניט געהאַט אָפּגעפונען,

זיינען געבליבן זיצן אין פוילן און האָבן דאָרטן געוואָרט אויף זיי. מע־נער, וואָס האָבן אָנגעשפּאַרט אַזש ביז ליטע און האָבן דאָרטן ניט געפונען זייערע פרויען, זיינען אין ליטע לאַנג ניט געבליבן זיצן און מען האָט זיי אינגיכן ווידער געקענט זען אין פוילן, דאָסמאָל אַלס „רעפּאַטריאירטע" פּאָליאַקן.

מחמת דעם אַלעמען קען די דאָזיקע צייט מיט רעכט ווערן פאַררעכנט פאַר דער „גאָלדענער עפּאָכע" אין דער געשיכטע פון יידישן אַנטלויפן פון ליטע אין דער ערשטער העלפט פון 1945.

גאָר לאַנג האָבן אָבער די דאָזיקע „האָניק־חדשים" ניט אָנגעהאַלטן. געשען איז עס צוליב צווי גרעסערע דורכפאַלן מיט ליטוויש־יידישע „רע־פּאַטריאַנטן".

דער ערשטער דורכפאַל איז פאָרגעקומען אָט ווי אַזוי:

עטלעכע מער־פאַרמעגלעכע קאָוונער יידן האָבן באַשלאָסן אָוועקצוגיין פון רוסלאַנד ניט מיט די געוויינלעכע רעפּאַטריאַציע־עשאַלאָנען קיין פוילן, נאָר אויף גאָר אַן אַנדער וועג.

דורך פאַרשיידענע פאַרבינדונגען איז זיי געלונגען אָנצוקניפּן אַ קאָנ־טאַקט מיט אַ סאָוועטישן פליער, וואָס האָט זיי צוגעזאָגט אָוועקצופירן מיט זיין עראָפּלאַן פון ווילנע דירעקט קיין בוקאַרעשט. דער פליער האָט זיי געזאָגט, אַז ער פליט זייער אָפט מיט דינסטלעכע ענינים קיין רומעניע, און ער וועט זיי קענען אַהין מיטנעמען. אַזאַ אויסטערלישער „קפיצת הדרך" אָנצוקומען במשך איין מעת־לעת קיין רומעניע און דערביי אויס־מיידן די אַלע עווענטועלע סכנות בעת די גרענעץ־רעוויזיעס, האָט, פאַר־שטייט זיך, זייער אָנגעלאָקט. אַזאַ נסיעה האָט געזאָלט קאָסטן אַ מטמון מיט געלט — אַ דרייסיק טויזנט רובל פּראָ פּערזאָן.

עס האָט בשעתו געהייסן, אַז עטלעכע גרופּעס יידן האָבן שוין געהאַט אויסגענוצט אָט דעם וועג און אַז עס זיינען פון זיי אָנגעקומען בריוולעך, אין וועלכע זיי שרייבן צו זייערע קרובים, אַז זיי זיינען בשלום אָנגעקומען קיין רומעניע און אַלץ איז אין בעסטער אָרדענונג. אַזעלכע בריוולעך האָבן צוגעגעבן מוט און די מענטשן, וואָס זיינען געווען גרייט צו פליען, האָבן געגלייבט, אַז זיי גייען אויף אַ זיכערן וועג.

ווען די גרופּע קאָוונער יידן איז צו דער אָפּגערעדטער צייט געקומען צום באַשטימטן אָרט, גרייט אָפּצופליען קיין רומעניע, האָבן די מענטשן פּלוצעם דערזען, אַז זיי געפינען זיך געפאַנגען אין דער נעץ פון עם־ווע־דע. קיין וועג צוריק איז שוין אָבער ניט געווען.

עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז די גאַנצע מעשה מיטן עראָפּלאַן איז געווען ניט מער ווי אַ פּראָוואָקאַציע פון עם־ווע־דע און אַז אויך די פריער־דיקע גרופּעס מענטשן זיינען אויפן ווילנער אַעראָדראָם אַרעסטירט גע־וואָרן גלייך ווי זיי זיינען געקומען אַהין גרייט אַפּצופליען קיין רומעניע. די „בריוולעך" זיינען, ווייזט אויס, ביי די אַרעסטירטע פערזאָנען געווען אַרויסגעפרעסט מיט צוואַנג, ווייל עם־ווע־דע האָט געהאָפט דורך דעם צו פאַרכאַפּן נאָך מער מענטשן, וואָס ווילן אַנטלויפן פון רוסלאַנד. די פאַר־האַלטענע זיינען געשטעלט געוואָרן פאַר אַ געריכט און זיינען פאַרמשפט געוואָרן צו אַ סך יאָרן תפיסה.

אַ צווייטער גרעסערער דורכפאַל איז פאָרגעקומען ביי פאָלגנדיקע אומ־שטענדן.

וועלנדיק אויסמיידן די ריזיקע פון פאָרן מיט די באַן־טראַנספּאָרטן פון ווילנע קיין גראָדנע צוזאַמען מיט אַ גרעסערער צאָל רעפּאַטריאַנטן, האָבן מענטשן געפונען אַ וועג ווי אַזוי צו פאָרן מיט אויטאָס פון קאָוונע אָדער פון ווילנע קיין גראָדנע און דאָרטן מיט די אויטאָס אַריבערפאָרן די סאָוועטיש־פּוילישע גרענעץ. דאָס האָט געקאָסט טייערער ווי פאָרן מיט דער באַן, ס'האָט אָבער געלוינט, ווייל דאָס איז געווען פאַרבונדן מיט וויניקער שרעק.

מיט אַ פּאָר אויטאָס האָט פּאַסירט אַ דורכפאַל און זיי זיינען אַריינגע־פאַלן אין די הענט פון עם־ווע־דע. גערעדט האָט מען בשעתו, אַז דער דורכפאַל איז געשען צוליב אַ מסירה פון אַ פרוי, וואָס מען האָט געהאָט איר צוגעזאָגט מיטצונעמען מיט די אויטאָס, אָבער מען האָט זי אין דער לעצטער מינוט ניט גענומען, ווייל זי האָט ניט געקענט שאַפן די נייטיקע סומע געלט, און דערפאַר זאָל זי האָבן געמסרט עם־ווע־דע די גאַנצע מעשה.

די אַרעסטירטע זיינען פאַרמשפט געוואָרן צו פאַרשיידענע טערמינען תפיסה. ס'רוב פאַרהאַלטענע זיינען געווען מענער אָדער פרויען, וועמעס משפחה־מיטגלידער זיינען געזעסן אין פוילן אָדער אין דייטשלאַנד און זיי האָבן געוואַרט אויף זייער קומען. די קינדער פון די אַרעסטירטע זיינען אָפּגעגעבן געוואָרן אין קינדערהיימען.

אָט די ביידע דורכפאַלן האָבן ביי אַ סך פּאָטענציעלע „רעפּאַטריאַנטן" צוגענומען דעם חשק פון ריזיקירן צו אַנטלויפן קיין פוילן. די מאַכט־אָרגאַנען האָבן פון יעמאָלט אָן שטרענגער גענומען קאָנטראָלירן די רע־

פּאַטריאַציע־דאָקומענטן און עס זיינען שטאַרק פאַרשווערט געוואָרן די מעג־לעכקייטן פון קענען אַוועקגיין פון רוסלאַנד.

איינצלנע מענטשן האָבן שפּעטער־צו געפּרואווט זיך אַרויסרייסן פון ליטע ניט מיט פּוילישע, נאָר מיט ווייסרוסישע רעפּאַטריאַציע־עשאַלאָנען. געווען אויך פאַלן, ווען יחידים האָבן דורך מזרח־פּרייסן געפּרואווט צו דערגרייכן בערלין און פון דאָרטן — די מערב־זאָנעס פון דייטשלאַנד.

אָט אַזוי איז די „רעפּאַטריאַציע" פון ליטווישע יידן קיין פּוילן גע־וואָרן אַלץ קלענער און קלענער, ביז זי איז סוף 1945 און אָנהייב 1946 כמעט אינגאַנצן געוואָרן אָפּגעשטעלט.

7טער קאַפּיטל

מיטן רעפּאַטריאַציע־עשאַלאָן פון ווילנע קיין גראָדנע

די לויערנדיקע סכנות ביים מאַכן די לעצטע צוגרייטונגען צו אַנטלויפן פון רוסלאַנד. — אויף גראָדנער וואָקזאַל ווערט מען פּטור פון די סאָוועטישע דאָקומענטן. — אַ סצענע, ווי אַזוי עס־ווע־דע־באַאַמטע פירן אַדורך די גרענעץ־רעווי־זיע. — גוואַלדיקע שמחה נאָכן אַריבערגיין בשלום די סאָ־וועטישע גרענעץ.

ווען נאָך אַלערליי גלגולים איז ענדלעך שוין געלונגען צו האָבן אויף דער האַנט דאָס לאַנג־געגאַרטע „פּאַפּירל", האָט מען געדאַרפט פאַר־ענדיקן די לעצטע הכנות צו זיין גרייט צו אַ באַשטימטן טאָג מיטצופאָרן מיט אַ רעפּאַטריאַציע־עשאַלאָן קיין פּוילן. וועמען עס האָט נאָך אויסגע־פּעלט עטלעכע רובל אויפן וועג, האָט אין דער לעצטער מינוט געזען אויסצופאַרקויפן עפּעס פון זיינע בעבעכעס, וואָס ער האָט ניט געקענט מיט־נעמען מיט זיך.

מיט גרויס ציטערניש און האַרץ־קלאַפּעניש האָט אַזאַ אומכשרער „רע־פּאַטריאַנט" זיך געגרייט צום סכנותפולן מאָמענט, ווען די עס־ווע־דע־באַ־אַמטע וועלן אויף דער רוסיש־פּוילישער גרענעץ רעווידירן זיינע דאָקו־מענטן. פאַר יעדן איינעם איז געווען קלאָר, וואָס עס שטייט פאַר אים און זיין משפחה אין פאַל, די בייזע שעה זאָל ניט זיין, אַז עפּעס וועט געשען אויף דער גרענעץ. עס האָט ניט געקענט זיין קיין ספק אין דעם, אַז אין אַזאַ פאַל וועט זיך עס ענדיקן מיט סיביר, אויב ניט נאָך ערגער. זיינען טאַקע די לעצטע טעג פון זיך מכין זיין אין וועג אַריין געווען „ימים נוראים" אין בוכשטעבלעכן זין פון וואָרט.

ס׳רוב עשאַלאָנען פלעגן אָפּגיין פון ווילנע. דעם טאָג, ווען אַן עשאַ־לאָן האָט געדאַרפט אָפּגיין, פלעגן אַרום וואָקזאַל אין ווילנע זיך אַרומ־דרייען ציוויל־געקליידעטע עס־ווע־דע־אַגענטן, וואָס פלעגן מיט זייערע אָנ־געשפּיצטע בליקן נאָכפאָלגן דעם רעפּאַטריאירנדיקן עולם. מען קען זיך פאָרשטעלן די געפילן פון אַן אומלעגאַלן פּאַסאַזשיר אין אָנבליק פון די דאָזיקע נאָכפאָלגנדיקע אויגן.

דער וועג פון ווילנע ביז גראָדנע מיט דער באַן האָט געדויערט אַ פינף־זעקס שעה. לויטן אָפּמאַך האָבן די מענטשן געהאַט רעכט מיט־

צונעמען מיט זיך זייער שטוביקע באַלעבאַטישקייט, און יעדע משפחה איז טאַקע געווען באַלאַדן מיט פעק און פעקלעך. געפאָרן איז מען אין פול־געפאַקטע משא־וואַגאַנען, מענטשן צוזאַמען מיט זייער באַגאַזש.

קומענדיק קיין גראָדנע, האָט מען געדאַרפט זיך אַריבערהייבן אין אַנדערע באַנען, וואָס זיינען געווען גרייט אָפּצופאָרן קיין פוילן. ניט זייענדיק זיכער ביזן לעצטן מאָמענט, וואָס עס קען, חלילה, געשען, האָט יעדער אומכשרער רעפּאַטריאַנט נאָך געהאַט מיט זיך ביידע דאָקומענטן: אי דעם סאָוועטישן פּאַס און אַנדערע אידענטיפיקאַציע־פּאַפּירן, אי דעם עוואַקואַציע־דאָקומענט אויף אַ פאַלשן נאָמען. דאָ, אין גראָדנע, האָט מען אָבער געדאַרפט זען איילּיק פּטור צו ווערן פון די סאָוועטישע דאָקומענטן, מען זאָל זיי ניט געפינען בעת דער רעוויזיע ביים גרענעץ־פּונקט.

ווער וויים, וויפיל סאָוועטישע פּעסער, מעטריקעס און אַנדערע דאָקומענטן עס זיינען אין גרויס איילעניש און נערוועזיטעט צעפליקט געוואָרן אויף פּיץ־פּיצלעך און אַריינגעוואָרפן געוואָרן אין די טואַלעטן פון גראָדנער וואָקזאַל?... פון טואַלעט פלעגט מען שוין אַרויסגיין נאָר מיטן עוואַקואַציע־פּאַפּירל און קיין וועג צוריק איז שוין מער ניט געווען.

ווען אַלע זיינען שוין געווען אין באַן, וואָס דאַרף אָפּגיין קיין פוילן, פלעגן אין די וואַגאָנען אַריינגיין מיליטעריש־געקליידטע ע־ווע־דע־לייט אַדורכצופירן די גרענעץ־רעוויזיע. היות לויטן אָפּמאַך האָט יעדע משפחה געהאַט רעכט אַרויסצופירן פון רוסלאַנד אַ גאַנץ קליינע סומע געלט, האָט מען בעת דער רעוויזיע געדאַרפט דאָס איבעריקע געלט אָפּגעבן די גרענעץ־קאָנטראָליאָרן. די רעפּאַטריאַנטן, סיי די כשרע און נאָכמער די אומכשרע, האָבן „צופעליק" תמיד געהאַט „איבעריקע געלט", וואָס מען פלעגט גערן אָפּגעבן. דאָס איז געווען אַ גוטע געלעגנהייט ווייכער צו מאַכן די הערצער פון די עם־ווע־דע־באַאַמטע, זיי זאָלן ניט זיין אַזוי שטרענג בעת דער רעוויזיע.

פּראַקטיש האָט אַזאַ סצענע אויסגעזען אַזוי:

עטלעכע סאָלדאַטן האַלטן אויסגעשפּרייט אַ לײַלעך, וואו יעדער איינער דאַרף אַריינוואַרפן זיין „איבעריק געלט". במשך עטלעכע מינוטן פאַלן פון אַלע זייטן פון וואַגאָן סאָוועטישע באַנקנאָטן אין לײַלעך אַריין, און וואָס גרעסער עס ווערט די קופּע אָנגעוואָרפענע אַסיגנאַציעס, אַלץ צופרידענער ווערן די פּנימער פון די עם־ווע־דע־לייט און אַלץ היימישער ווערן זיי מיטן עולם...

דאָס האָט אָבער אין פיל פאַלן זיי ניט געשטערט ביים רעווידירן די

דאָקומענטן אַראָפּצונעמען פון וואַגאָן דעם אָדער יענעם מענטשן אָדער אַפילו גאַנצע משפּחות. קיינער פון עולם אין וואַגאָן האָט, פאַרשטייט זיך, ניט געוואוסט, צי דאָס געשעט מחמת אַ געוויסער פאָרמאַליטעט אין די פּאַפּירן אָדער צוליב אַ וויכטיקערער סיבה. אויף יעדן פאַל האָט קיינער ניט מקנא געווען אַזאַ איינעם, וואָס דאַרף נעמען זיין פּעקל און זיך לאָזן פירן פון עם־וועדע.

ווען די גרענעץ־רעוויזיע פלעגט ווערן פאַרענדיקט און מען האָט ענדלעך זיך דערוואַרט די מינוט, אַז די באַן זאָל זיך נעמען רירן פון אָרט, פלעגן פּנימער פון אומלעגאַלע רייזנדער אויפלויכטן מיט יענעם אויסערסט־גליקלעכן אויסדרוק פון פּנים, ווען אַ גרויסער שטיין פאַלט פלוצעם אַראָפּ פון האַרצן... דער הויך־פּונקט פון גליקלעכן מאָמענט פלעגט ווערן דערגרייכט דאַן, ווען מען האָט מיט די אייגענע אויגן געזען, אַז די באַן גייט אַריבער די גרענעץ און אָנשטאָט סאָוועטישע אייזנבאַן־באַאמטע זעט מען פּוילישע — אַ ביז־גאָר דייטלעכער און איבערצייגנדיקער סימן, אַז סוף־כל־סוף געפינט מען זיך שוין אויף פּוילישער ערד, פון וואַנען מען האָט געהאָפט לייכטער צו קענען פאַרווירקלעכן דעם טרוים פון קומען קיין ארץ־ישראל אָדער אַנדערע לענדער מעבר לים.

8טער קאַפּיטל

פון ביאַליסטאָק ביז לאָדזש

אויף ביאַליסטאָקער וואָקזאַל טרעפן מיר נאָך ליטווישע ייִדן. — מען איז נאָך אַלץ אין גרויס פּחד. — ערשטע איינ־דרוקן פון פּוילן. — אויבנאויפיקע פאַרגלייכן צווישן דעם לעבן אין פּוילן און רוסלאַנד. — מיר פאָרן אַדורך וואַרשע. — אין שאָטן פון וואַרשעווער געטאָ־חורבות.

. . . אונדזער באַן האָט געאײַלט אין דער ריכטונג צו ביאַליסטאָק. אָנ־געקומען אַהין זײַנען מיר אינמיטן דער נאַכט. אין ביאַליסטאָק האָבן מיר געדאַרפט זיך איבערזעצן אין אַן אַנדער באַן, וואָס האָט אונדז געדאַרפט פירן קיין וואַרשע. וואַרטנדיק אויף דער נייער באַן, האָבן מיר אין דער נאַכט־פינצטערניש דערקענט אַרום אונדז עטלעכע קאָוונער יידישע משפּחות, וואָס זײַנען געפאָרן מיטן זעלבן עשאַלאָן, אָבער מיר האָבן זיי ביז־איצט ניט באַמערקט.

דער פּחד צוליבן אַנטלויפן פון רוסלאַנד איז נאָך ביי אונדז אַלעמען אַזוי שטאַרק, אַז מען וואַגט ניט צו ריידן איינע צו די אַנדערע און מען האַלט זיך ווי ווילד־פרעמדע מענטשן. מען איז באַהערשט פון איין פאַרלאַנג: וואָס גיכער אַרײַנצוקריכן אין אַ נייער באַן, וואָס זאָל אין גרויס איילעניש זיך לאָזן אַלץ ווייטער און ווייטער פון דער סאָוועטישער גרענעץ און אַלץ טיפער און טיפער אין פּוילן. מען האָט דאָס געפיל, אַז מיט יעדן קילאָ־מעטער טיפער אין פּוילן ווערן אַלץ גרעסער די שאַנסן צו פאַרדעקן די שפּורן פון אונדזער באַגאַנגענעם „פאַרברעכן”.

עס איז אַריבער די נאַכט און עס איז אָנגעקומען אַ זוניקער פרימאָרגן פון סוף יוני, 1945. מיט גרויס נייגעריקייט און ניט ווייניק צוריקגעהאַלטנ־קייט באַטראַכטן מיר די מענטשן אין אונדזער וואַגאָן. דער עולם רעדט אַן עכטן פּויליש, און מיר ליטוואַקעס מיידן בכיוון אויס זיך צו באַטייליקן אין די געשפּרעכן, אונדזער אָרעמע פּוילישע שפּראַך זאָל אונדז ניט פאַר־ראַטן, אַז מיר זײַנען „פאַלשע” פּוילישע רעפּאַטריאַנטן. מען פאָרט אין שטיל־שווייגעניש, פאַרזונקען אין פאַרשיידענע מחשבות. נאָך די ערשטע פריי־דיקע געפילן צוליבן אָוועקגיין פון רוסלאַנד הייבן אָן ביסלעכווייז זיך אַרײַנ־צוגנבענען די ערשטע באַאומרואיקנדיקע רעיונות: וואָס־זשע וועט זײַן ווייטער? וועט מען ניט באַדויערן דעם באַגאַנגענעם שריט?...

די באַן שטעלט זיך אָפּ אויף פאַרשיידענע סטאַנציעס. מיט אונדזערע

בליקן פרואוון מיר צו שטודירן די פוילישע מענטשן און דאָס אַרומיקע לעבן. אַפילו לויטן אויבנאויפיקן איינדרוק איז צו זען, אַז דער פוילישער בירגער איז אין זיין ריידן און אַלגעמיינער האַלטונג פיל פרייער ווי דער סאָוועטישער מענטש. מען דיסקוטירט גאַנץ אָפן וועגן פאַרשיידענע ענינים. אויף די סטאַנציעס קומען אַריין אין די וואַגאַנען פוילישע מענער און פרויען, וואָס לייגן פאַר דעם עולם צו קויפן קאַלטע געטראַנקען, יאגדעס, היימיש־געבאַקענע קוכעלעך אאַז״וו. מיר זעען אין דעם אַ באַשיינפּערלעכן באַווייז, אַז מיר געפינען זיך שוין אין אַ וועלט פון „פרייער ווירטשאַפט״, וואו דער יחיד קען עפּעס אונטערנעמען אויף זיין אייגענער איניציאַטיוו און איז ניט קיין אויסשליסלעכער ראָבאָט פון דער מלוכה־מאַשין.

די דאָזיקע, דוכט זיך, קליינע פאַקטן גיבן אונדז צו מוט און פאַרשטאַרקן אונדזער גלויבן, אַז מיר האָבן גוט געטאָן מיטן אַוועקגיין פון „דאָרטן״.

ענדלעך זיינען מיר אָנגעקומען קיין וואַרשע. פון דאַנען דאַרפן מיר פאָרן קיין לאָדזש — דאָס אָרט, וואָס איז אָנגעוויזן אין אונדזערע עוואַקואַציע־דאָקומענטן. מיר דאַרפן אַריבערפאָרן פון איין וואָקזאַל צו אַ צווייטן און מיר דינגען פוילישע פורמאַנעס אַריבערצופירן די זאַכן. דערוויל האָבן מיר אַ געלעגנהייט צו באַטראַכטן די שטאָט.

שעהן לאַנג פאָרן מיר צווישן חורבע גאַסן. זעלטן־וואו איז צו זען אַ גאַנץ־געבליבן הויז. וואו דאָס אויג גיט זיך ניט אַ קער, אומעטום זעסטו פאַר זיך חורבות און חורבות. אָבער אַפילו פון די רואינען קען מען אַרויסזען די אַמאָליקע שיינקייט פון דער פוילישער הויפּטשטאָט.

מיר פאָרן פאַרביי ניט ווייט פון דער געגנט, וואו עס האָט זיך געפונען דאָס וואַרשעווער געטאָ, און די פוילישע פורמאַנעס גיבן אונדז אייניקע דערקלערונגען אין אַ טאָן פון כלומרשטן מיטגעפיל צו יידן. מיר וואַרפן אונדזערע בליקן אין דער ריכטונג פון די געטאָ־חורבות און דאָס רופט אַרויס ביי אונדז אַסאָציאַציעס און זכרונות פון קאָוונער געטאָ. אין זכרון טויכן אויף בילדער און סצענעס פון די באַריכטן וועגן העלדישן אויפשטאַנד אין וואַרשעווער געטאָ. אַ געפיל פון יראת־הכבוד באַהערשט אונדז, ווען מיר גיבן אַ טראַכט, אַז אין דעם מאָמענט געפינען מיר זיך בשכנות פון דעם אָרט, וואו עס האָט זיך אָפּגעשפּילט די לעגענדאַר־געוואָרענע יידישע מרידה קעגן דער נאַציישער חיה־רעה. מיט אַלע אונדזערע חושים פילן מיר ווי פון די געטאָ־חורבות ווייעט אויף אונדז מיט דורות־אַלטער יידישער קדושה און גבורה.

מיר פאָרן אַלץ ווייטער איבער די צעשטערטע וואַרשעווער גאַסן און קענען זיך ניט באַפרייען פון דעם געדאַנק, אַז דאָ, אין וואַרשע, האָט בסך הכל מיט אַ יאָר זעקס צוריק געקלאַפּט דער דופק פון דער גרעסטער יידי־שער קהילה אין אייראָפּע, און אַז איצט פאָרן מיר צווישן די רואינען פון דער דאָזיקער חרוב ומוחרב געוואָרענער עיר ואם בישראל.

אין וועג אַריין מיט די פּעקלעך אין די הענט

עס איז אָנגעפאַלן דער זומערדיקער פאַרנאַכט. די גרויסע היץ פון בייטאָג האָט בהדרגהדיק נאָכגעלאָזן. מידע און אויסגעשעפּטע פון די אַלע איבערלעבונגען במשך די לעצטע פּאָר טעג האָבן מיר דערגרייכט דעם וואָקזאַל, פון וואַנען מיר האָבן געדאַרפט אָפּפאָרן קיין לאָדזש.

נאָך אַ נאַכטיקער נסיעה איבער פּוילישע פעלדער און וועלדער האָט די באַן אונדז אינדערפרי געבראַכט קיין לאָדזש.

9טער קאַפּיטל

ערשטע שריט אויף פוילישער ערד

לאָדזש ווערט דער צענטער פון אַנטלאָפענע ליטווישע יידן.— רירנדיקע סצענעס אויפן הויף פון לאָדזשער יידישן קאָמי־ טעט. — מיר געפינען אַ „דירה” אויף אַ בוידעם־שטיבל.— יידן זעען צו מאַכן חיונה. — ליטווישע יידן האָבן מורא צו לאַנג צו בלייבן זיצן אין לאָדזש. — סאָלדאַטן פון דער ארץ־ישראל בריגאַדע העלפן די אַנטלויפנדיקע יידן.

אין פאַרגלייך מיט וואַרשע האָט לאָדזש כמעט ווי גאָרניט געליטן פון די מלחמה־אָפּעראַציעס בעתן צוריקטריט פון דייטשן מיליטער. דאָ, אין לאָדזש, האָט מען זעלטן־וואו געקענט זען אַ חרוב הויז. אויף די גאַסן איז אָנגעגאַנגען אַ באַוועגונג כמעט ווי אין נאָרמאַלע צייטן. ווייניק־וואָס האָט דאָ דערמאָנט, אַז אָקאָרשט איז געווען אַ מלחמה אויף דער וועלט.

לאָדזש איז יעמאָלט געווען דער הויפּט־צענטער פון די אַנטלאָפענע ליטווישע יידן. איינצלנע יידן פון ליטע האָבן זיך אויך געפונען אין ביאַ־ ליסטאָק, אין לובלין און אין אַנדערע פּונקטן אין פוילן. געווען אויך אַזעלכע ליטווישע יידן, וואָס האָבן מורא געהאַט צו בלייבן אין פוילן און זיינען אַוועק קיין רומעניע, פון וואַנען זיי האָבן געהאָפט גיכער צו דער־ גרייכן ארץ־ישראל.

דער לאָדזשער יידישער קאָמיטעט האָט זיך געמיט צו געבן די גרויסע שטראָמען יידישע פּליטים אַ ביסל מאַטעריעלע הילף. זיינע מעגלעכקייטן זיינען אָבער געווען זייער באַשרענקטע. אַחוץ הילף האָט דער קאָמיטעט גע־ האָלפן די פּליטים אויסצוגעפינען זייערע קרובים אין פוילן און אין אויסלאַנד.

טאָג־איין, טאָג־אויס האָט מען געקענט זען, ווי הונדערטער מענטשן באַלאַגערן די ביוראָען פון קאָמיטעט מיט דער כוונה אויסצוגעפינען אינ־ פאָרמאַציע מכוח אַ נאָענטן קרוב אָדער צו באַקומען אונטערשטיצונג. ניט זעלטן האָט עס געטראָפן, אַז עמעצער איז געקומען אין קאָמיטעט אויסצו־ געפינען עפּעס וועגן זיינעם אַ פריינד אָדער אַ גוטן באַקאַנטן, און דאָ, אין קאָמיטעט, האָט ער גאַנץ אומגעריכט געטראָפן די געזוכטע פּערזאָן. רירנ־ דיקע סצענעס פלעגן אין אַזאַ פאַל זיך אָפּשפּילן אויפן הויף פון קאָמיטעט.

זייטיקע מענטשן פלעגן מיטוויינען און זיך מיטפרייען ביי אָט דער דראַ־מאַטישער באַגעגעניש.

די מער־פאַרמעגלעכע פּליטים האָבן זיך געהאַט איינגעאָרדנט אין פּריוואַטע האָטעלן און גאַסט־הייזער. בפרט איז געווען פּאָפּולער דאָס גאַסט־הויז אויף ציגעלניאַנאַ גאַס, וואו עס האָט אויך געהאַט געלעבט אַ היפּשע צאָל ליטווישע יידן. צוליב די גאַנץ־הויכע פּרייזן זיינען די אַלע פּריוואַטע האָטעלן געווען צוטריטלעך נאָר פאַר אַ קלענער צאָל מענטשן.

אין לאָדזש איז אויך געווען אַ מין לאַגער פאַר די אומפאַרמעגלעכע יידישע פּליטים. באַשטאַנען איז דער דאָזיקער לאַגער פון עטלעכע האַלב־חרובע מויערן, וואו די מענטשן האָבן זיך געפונען אין שווידערלעכע באַ־דינגונגען. מען האָט דאָרטן בוכשטעבלעך זיך געוואַלגערט אויף דער ערד. די „דירות" זיינען געווען אָן טירן און מיט אויסגעהאַקטע שויבן אין די פענצטער. כדי זיך צו שיצן פון רעגן אָדער ווינט, האָט מען די טירן און פענצטער געדאַרפט פאַרשעלן מיט זעק אָדער שמאַטעס. ווער עס האָט נאָר געהאַט די מינדסטע מעגלעכקייט האָט געזוכט אויסצומיידן דעם דאָזיקן פאַרוואָרלאָזטן הקדש־לאַגער, וואָס האָט כלומרשט געדאַרפט זיין אַ מקום־מנוחה פאַר די נאַס־וואָס באַפרייטע יידן.

נאָכן אַרומוואַלגערן זיך אייניקע טעג ביי פאַרשיידענע באַקאַנטע, האָבן מיר ענערגיש גענומען זוכן אַ שטיקל אייגן ווינקעלע, וואו אַוועקצולייגן דעם קאָפּ פאַר דער צייט, וואָס אונדז וועט אויסקומען צו זיצן אין לאָדזש. כדי צו באַקומען אַ דירה, האָט מען געדאַרפט וועגן דעם אָנגעבן אַן אַפּלי־קאַציע צום שטאָטישן וואוינונגס־אַמט און וואַרטן, ביז די אַפּליקאַציע וועט ווערן באַהאַנדלט און באַפרידיקט.

ענדלעך האָבן מיר — מיט מזל! — געפונען אַן אומבאַוואוינט בוי־דעם־שטיבל אויף דער גאַס פון 11טן נאָוועמבער (גאַס אויפן נאָמען פון פּוילנס אומאָפּהענגיקייט־טאָג). דאָס איז געווען אַ פאַרוואָרלאָזט בוידעם־ווינקל, אָן שום מעבל אָדער אַנדערע שטוביקע באַקוועמלעכקייטן. נאָכן באַזאָרגן אַ טישל, אַ פּאָר בענקלעך און אַ ביסל שטרוי פאַר אַ געלעגער אויפן דיל, איז די דירה־פראַגע פאַר אונדז געוואָרן געלייזט.

ווער עס האָט געהאַט מיטגעבראַכט אַ ביסל געלט פון רוסלאַנד, האָט געלעבט פון פּאַרטיקן. די, וואָס האָבן ניט געהאַט קיין געלט־אָפּשפּאָרונגען, האָבן גענומען אויספאַרקויפן פון די מיטגעבראַכטע זאַכן, כדי צו קענען דעקן די טאָג־טעגלעכע הוצאה.

מענטשן האָבן געגומען זוכן אַ וועג ווי אַזוי צו פֿאַרדינען אויף דער חיונה. ס'רוב יידישע פּליטים האָבן זיך גענומען צום האַנדל און אויף די לאָדזשער מערק האָט מען געקענט זען ווי יידן מסחרן מיט פֿאַרשיידענע געניצטע בגדים, וועש, שוכוואַרג און אַנדערע סחורות.

די מער־ענערגישע האָבן זיך ניט באַגנוגנט מיטן קליין־האַנדל אויפֿן מאַרק און זיי האָבן געפּרואווט מיטמאַכן די פֿאַרשיידענע שמוגל־מסחרים, וואָס זיינען אָנגעגאַנגען צווישן לאָדזש און די שטעט און שטעטלעך פֿון געוועזענעם פּוילישן קאָרידאָר.

שטאַרקט פֿאַרשפּרייט איז געווען דאָס שמוגל פֿון שפּייז־פּראָדוקטן פֿון לאָדזש קיין דאַנציק און אומגעגנט, וואָס זיינען געווען באַוואוינט פֿון אַ דייטשער באַפֿעלקערונג. דאָס איז דאָך געווען אָקאָרשט נאָך דער צווייטער וועלט־מלחמה, און די דאָרטיקע דייטשן האָבן פֿון די פּאָליאַקן ניט געלעקט קיין האָניק...

זייענדיק אויסגעהונגערט נאָך אַ ביסל פּעטס, מעל, צוקער און אַנדערע לעבנסמיטל, פּלעגן די דייטשן פֿאַר אַ ביסל עסנוואַרג אַוועקגעבן בגדים, שיך, וועש און אַפֿילו גאָלדענע אָדער זילבערנע חפצים. אין לאָדזש האָט מען די אַלע דייטשע זאַכן געקענט זייער לייכט פֿאַרקויפֿן אויף די מערק און דערביי גאַנץ פֿיין פֿאַרדינען. אמת, דאָס דאָזיקע שמוגל איז געווען פֿאַרבונדן מיט אַסך ריזיקע, אָבער פֿיל מענטשן האָבן געוואַגט צו גיין אויף דעם וועג, ווייל זיי האָט אָנגעלאָקט דער היפּשער פֿאַרדינסט.

ליטווישע יידן האָבן שטאַרק מורא געהאַט צו פֿאַרבלייבן אַ לענגערע צייט אין לאָדזש. דער ליטווישער ייד האָט גאַנץ גוט געוואוסט, וואָס פֿאַר אַ חטא ער איז באַגאַנגען לגבי רוסלאַנד מיט זיין אַוועקגיין קיין פּוילן. מען האָט פּשוט מורא געהאַט, אַז אין איינעם אַ טאָג קענען אין לאָדזש אַראָפּקומען אַ פּאָר קאָוונער יידישע עם־ווע־דע־לייט, וואָס קענען פּערזענלעך אַלע אַנטלאָפֿענע יידן און מיט זייער הילף וועט מען קענען צונויפֿנעמען ביז איין ליטווישן ייד, און דאַן — וואָס דאַן וועט זיין האָט מען געציטערט אַרויסצולאָזן אַפֿילו אויפֿן געדאַנק...

עס האָבן אויך ניט געפֿעלט קיין קלאַנגען, אַז מען האָט אויף די לאָדזשער גאַסן געזען פֿאָרן אין אַן אויטאָ דעם אָדער יענעם ציוויל־געקליידעטן יידישן עם־ווע־דע־באַאמטן פֿון קאָוונע אָדער ווילנע, וואָס איז אוודאי געקומען אַדורכצופֿירן אַ געיעג אויף די אַנטלאָפֿענע ליטווישע יידן.

די אַלע קלאַנגען האָבן נאָך מער פאַרגרעסערט די נערוועזיטעט און צע־רודערונג צווישן די יידן פון ליטע און פאַרשטאַרקט זייער דראַנג וואָס־גיכער אַוועקצוגיין פון פוילן און זיך לאָזן ווייטער טראָגן מיטן שטראָם פון דעם גרויסן יידישן גלויף.

היות צו יענער צייט האָט מען ניט געקענט אַפילו קלערן וועגן אָנ־קומען צו די קרובים אין אַמעריקע אָדער אין אַנדערע לענדער אויף יענער זייט ים, איז כמעט אַלעמענס שטרעבונג געווען צו דערגרייכן ארץ־ישראל. יעדער יידישער פּליט האָט גוט געוואוסט, אַז די חיילים פון דער ארץ־ישראל בריגאַדע זיינען זיך פּשוט מוסר־נפש און העלפן די וואָגלענ־דיקע יידן צו דערגרייכן זייער ציל. וועגן אָט דער העלדישער טעטיקייט פון דער יידישער בריגאַדע האָבן צווישן די פּליטים זיך אַרומגעטראָגן גאַנצע לעגענדעס, און דאָס האָט אָנגעפילט זייערע הערצער מיט פרייד און האָ־פענונג אויף בעסערע צייטן.



חיילים פון דער ארץ־ישראל בריגאַדע צו הילף די בריחה־יידן

די ענגלישע רעגירונג, אין ווענעמס רשות די בריגאַדע האָט זיך גע־פונען, איז אָבער געווען שטאַרק אומצופרידן מיט אָט דער „זייטיקער" אַרבעט פון די יידישע סאָלדאַטן און אויף איר באַפעל איז די יידישע בריגאַדע אַוועקגענומען געוואָרן פון איטאַליע און איז אַריבערגעהייבן גע־וואָרן אַנדערשוואו. דורך דעם איז באמת געגעבן געוואָרן אַ שטאַרקער קלאַפּ דעם בריחה־שטראָם קיין ארץ־ישראל, און פיל פליטים זיינען דאַן אויף אַ לענגערער צייט געבליבן שטעקן אונטערוועגס.

10טער קאַפּיטל

אונדזער לעבן אין לאָדזש

יידן שטרעבן צו פאָרן קיין איטאַליע. — אַ באַגעגעניש מיטן געוועזענעם קאָמענדאַנט פון וואַרשעווער געטאָ־אויפשטאַנד, יצחק צוקערמאַן. — מיין שמועס מיט מירסקין, רעדאַקטאָר פון לאָדזשער „דאָס נייע לעבן”, און מיט דער שריפטשטע־לערין רחל אויערבאַך. — אין דער יידישער היסטאָרישער קאָמיסיע. — צווישן די רואינען פון לאָדזשער געטאָ. — דער קיבוץ „דרור” העלפט אונדז אַוועקגיין פון לאָדזש.— מיר פאַרלאָזן לאָדזש און פאָרן קיין קראָקע.

שוין עטלעכע וואָכן ווי מיר געפינען זיך אין לאָדזש. פון טאָג־צו־טאָג ווערט אַלץ קלענער די מחנה ליטווישע יידן. מענטשן שטרעבן וואָס־גיכער זיך אַרויסצורייסן פון פוילן. מען איז באַהערשט פון אַ באַגער אַנצוקומען קיין איטאַליע. דאָרטן, האָפט מען, וועט מען קענען איין מאָל פאַר אַלע מאָל אָפּכאַפּן דעם אָטעם און בלייבן זיצן אַזוי לאַנג, ביז עס וועלן זיך שאַפן מעגלעכקייטן צו דערגרייכן ארץ־ישראל.

איטאַליע ווערט באַטראַכט ווי דאָס לאַנד, וואָס קען שוין ניט דירעקט אָדער אומדירעקט דערגרייכט ווערן פון דער סאָוועטישער האַנט. ערשט געפינענדיק זיך אין איטאַליע, גלייבט מען, וועט מען קענען ענדלעך פּטור ווערן פון דעם שרעק־געפיל וואָס פאַרפאָלגט אונדז, געוועזענע סאָוועטישע בירגער, און רויבט אַוועק דאָס געפיל פון רואיקייט און זיכערקייט. די פריינדלעכע באַציאונגען צו יידן מצד די איטאַליענער, דער אנגענעמער איטאַליענישער קלימאַט, די שפע פון וויינטרויבן און דרום־פּרוכטן — אַלץ צוזאַמען העלפט נאָך מער פאַרשטאַרקן דעם דראַנג פון די פּליטים צו דער־גרייכן דעם אַפּעניניש האַלבאינדזל.

די הויפּט־פּראַגע איז אָבער: ווי זשע קומט מען אַהין?

אייניקע פאַרמעגלעכע ליטווישע יידן האָבן אויסגעפונען אַ וועג, ווי אַזוי צו קענען דערגרייכן איטאַליע במשך „עטלעכע טעג”. דאָס דאַרף אָבער קאָסטן אַ גאַר גרויסע מטבע: אַן ערך 10 טויזנט זלאָט פאַר אַ מענטשן. אַ פּאָר משפחות האָבן זיך געלאָזן אויף דעם וועג, אָבער שפּעטער־צו האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז מען האָט זיי פּשוט אָפּגענאַרט און דערפירט ביז צו עסטרייך, וואו זיי זיינען געבליבן שטעקן.

אין לאָדזש האָבן זיך געפונען אייניקע יוגנט־קיבוצים פון פאַרשיידענע ציוניסטישע גרופירונגען, ווי אַ שטייגער, פון „דרור", השומר־הצעיר, אַלגע־מיינע ציוניסטן, גורדוניה, רעוויזיאָניסטן, מזרחי אאַז"וו. מענטשן האָבן גענומען זוכן אַ וועג זיך צוצוטוליען צו די קיבוצים, כדי צו קענען מיט זיי מיטפאָרן קיין ארץ־ישראל, ווען זיי וועלן זיין גרייט פאַר דעם. דאָס איז אָבער צוליב פיל סיבות ניט געווען אַזוי לייכט צו דערגרייכן.

צו יענער צייט איז קיין לאָדזש אָנגעקומען דער געוועזענער קאָמענ־דאַנט פון וואַרשעווער געטאָ־אויפשטאַנד, יצחק צוקערמאַן (געווען באַ־קאַנט אונטערן פסעוודאָנים אַנטעק). געקומען איז ער קיין לאָדזש, ווייזט אויס, אין שליחות פון דער בריחה און אין די אינטערעסן פון די חלוצישע קיבוצים.

לויט דער פאַרמיטלונג פון איינעם פון די אָנפירער פון קיבוץ „דרור", יצחק קאַפּטשעווסקי, מיינער אַ באַקאַנטער יוגנטלעכער פון קאָוונער געטאָ, האָב איך געהאַט אַ קורצן שמועס מיט צוקערמאַנען וועגן עניין אַוועקגיין פון פוילן. צוקערמאַן האָט אויפמערקזאַם אויסגעהערט מיינע רייד און האָט עפּעס נאָטירט אין זיין נאָטיץ־ביכל. ער האָט מיר צוגעזאָגט צו העלפן, מיט וואָס עס וועט זיך לאָזן, און האָט מיר געבעטן שטיין וועגן דעם עניין אין קאָנטאַקט מיטן פריער־דערמאָנטן קאַפּטשעווסקי.

ביי דער געלעגנהייט איז אינטערעסאַנט צו דערציילן פאָלגנדיקן כאַ־ראַקטעריסטישן פאַל:

צוזאַמען מיט מיר איז צו צוקערמאַנען אַריין אַ יונגערמאַן, וואָס איז מיט אונדז געווען געקומען פון קאָוונע. ער האָט צוקערמאַנען דערציילט, אַז ער איז אַן אַנטלאָפענער פון דער רויטער אַרמיי און ער וויל דעריבער מען זאָל אים העלפן וואָס־גיכער אַוועקצוגיין פון פוילן, וואו עס איז דאָ אַ סכנה מען זאָל אים דערקענען און צוריקשיקן קיין רוסלאַנד. צוקערמאַן האָט אָבער איבערגעריסן זיינע רייד און האָט אין אַ ביסל אַן אויפגערעגטן טאָן אַ זאָג געטאָן:

— ניין, בשום אופן ניט! איר קענט ניט דערוואַרטן פון אונדז קיין הילף, ווייל איר זייט אַ דעזערטיר פון אונדזערער אַ פריינדלעכער אַרמיי, וואָס האָט געהאָלפן צעשלאָגן די נאַציס. מיטן דעזערטירן פון דער רויטער אַרמיי זייט איר באַגאַנגען אַ פאַרברעכן. איך וויל מיט אייך ניט ריידן וועגן קיין זאַך —, האָט ער אין אַ האַרבן טאָן איבערגעריסן זיין ענטפער.

מיט אַראָפּגעלאָזענע אויגן איז דער יונגערמאַן פאַרשעמטערהייט אַרויס פון צימער.

צוקערמאַן־אַנטעק האָט אויף מיר געמאַכט דעם איינדרוק פון זייער אַן ענערגישן און סימפּאַטישן מענטשן. קוקנדיק אויף אים האָב איך זיך ניט געקענט באַפרייען פון געדאַנק, אַז איך געפין זיך פּנים אל פּנים מיט אַ מענטשן, וואָס האָט פּערזענלעך אַזוי פיל בייגעטראָגן צו דער עפּאָפּייע פון יידישער גבורה, וואָס הייסט „וואַרשעווער געטאָ־אויפשטאַנד״.

היינט־צו־טאָג איז צוקערמאַן איינער פון די אָנפירנדיקע חברים פון דער מפ״ם־באַוועגונג אין מדינת ישראל.

* * *

פאַר דער צייט פון מיין זיין אין לאָדזש איז מיר אויסגעקומען צו באַזוכן די רעדאַקציע פון „דאָס נייע לעבן״ און כאַפּן אַ שמועס מיטן רע־דאַקטאָר פון דער צייטשריפט, מירסקי, ווי אויך מיט דער רעדאַקציע־מיט־אַרבעטערין, די באַקאַנטע שריפטשטעלערין רחל אויערבאַך. פאַר זיי האָב איך געגאָלטן מיט מיין פּוילישן נאָמען לויטן רעפּאַטריאַציע־דאָקומענט, מיט וועלכן איך בין געקומען קיין לאָדזש.

געשמועסט האָבן מיר וועגן פאַרשיידענע ענינים. צופעליק איז געקומען די רייד וועגן דער קאָוונער יידישער טאָג־צייטונג „פאָלקסבלאַט״ און די רייסערייען, וואָס זיינען פאָרגעקומען אין און אַרום דער צייטונג צווישן די קאָמוניסטישע און דעמאָקראַטישע עלעמענטן אויף דער יידישער גאַס אין ליטע אין די יאָרן ערב דער צווייטער וועלט־מלחמה. ווען איך האָב געהאַט געמאַכט אַ קריטישע באַמערקונג אויפן חשבון פון די קאָמוניסטן, האָב איך געפילט ווי מירסקי האָט אויף מיר אַ וואָרף געטאָן אַ בייזן בליק.

מירסקי האָט אויף מיר איבערגעלאָזן דעם רושם פון אַ יעווסעקישן פאַנאַטיקער, וואָס קוקט מיט שנאה און פאַראַכטונג אויף אַנדערש־דענקענ־דיקע מענטשן. ניט אומזיסט איז אויף אים מיט אַ געוויסער צייט צוריק אויסגעפאַלן די „שליחות״ צו ליקווידירן די לעצטע סימנים פון אַ יידיש־געזעלשאַפטלעכן לעבן אין היינטיקן פּוילן. אָבער אורטיילנדיק פון דער דערפאַרונג מיט די יעווסעקישע ליקווידאַטאָרן פון יידישן לעבן אין רוס־לאַנד, וואָס זיינען דערנאָך אַליין ליקווידירט געוואָרן פון עמעצן אַנדערש, קען מען על פּי אַנאַלאָגיע מיט א געוויסער זיכערקייט זאָגן, אַז אויך ער, מירסקי, וועט פריער אָדער שפּעטער ווערן ליקווידירט.

אַ לחלוטין אַנדער איינדרוק האָט געמאַכט די שריפטשטעלערין רחל אויערבאַך. מען האָט ניט געדאַרפט זיין קיין גרויסער מענטשן־קענער, כדי צו זען, אַז אַלס מענטש איז זי, אויערבאַך, פונקט דער היפּוך פון מירסקין, און אַז זי פאַרמאָגט איידעלע און סימפּאַטישע כאַראַקטער־שטריכן. זי האָט

געדעדט פריינדלעך, געלאַסן און האָט דערוועקט צו זיך צוטרוי. אַ דאַנק אירע באַמיאונגען האָב איך, מיין פרוי און קינד געהאַט אַ מעגלעכקייט במשך אַ פּאָר וואָכן צו עסן מיטאָג אין דער אַזוי גערופענער זשורנאַליסטן־קיך, און דאָס איז געווען אונדזער איינציקע זאַטע אָפּעסן דורכן גאַנצן טאָג.

אַז די עכט־הומאַניסטישע רחל אויערבאַך האָט לאַנג ניט געקענט אויס־האַלטן די געדריקטע אַטמאָספער פון דער „פאָלקס־דעמאָקראַטיע" אין פוילן, באַווייזט דער פאַקט, וואָס זי איז אינגיכן אַוועק קיין ארץ־ישראל, וואו זי געפינט זיך עד היום.

* * *

אין לאָדזש איז מיר אויך אויסגעקומען מערערע מאָל צו באַזוכן די יידישע היסטאָרישע קאָמיסיע, אונטער דער לייטונג פון באַקאַנטן יידישן היסטאָריקער דר. פיליפּ פרידמאַן. די היסטאָרישע קאָמיסיע האָט יעמאָלט געהאַלטן אין איינשטעלן איר אַרבעט פון זאַמלען, סיסטעמאַטיזירן און באַאַרבעטן די מאַטעריאַלן צו דער געשיכטע פון יידישן חורבן אין פוילן אין די בלוטיקע היטלער־יאָרן.

אַחוץ דעם אַלגעמיינעם אינטערעס צו דער טעטיקייט פון דער היסטאָ־רישער קאָמיסיע, האָב איך געוואָלט האָבן אַ שטיקל ישוב־הדעת מיט עמעצן פון דער אָנפירונג פון דער קאָמיסיע מכוח מיינע כתב־יד נאָטיצן צו דער געשיכטע פון קאָוונער געטאָ. די דאָזיקע נאָטיצן, וואָס איך האָב אָנגע־הויבן צו פאַרצייכענען גלייך נאָך דער באַפרייאונג אין אויגוסט 1944, האָב איך פאַרבאַהאַלטענערהייט געהאַט אַריבערגעבראַכט מיט זיך פון ליי־טע קיין פוילן. געוואָלט האָב איך, ערשטנס, הערן מבינות אויף מיין כתב־יד און, צווייטנס, זען אפשר אים איבערצולאָזן אין דער קאָמיסיע, איידער מיר לאָזן זיך אויף די אומבאַקאַנטע וועגן און שטעגן פון דער בריחה איבער פאַרשיידענע אייראָפּעאישע לענדער.

מיר איז אויסגעקומען וועגן די דאָזיקע ענינים צו ריידן מיטן וויצע־לייטער פון דער היסטאָרישער קאָמיסיע, מאַגיסטער נחמן בלומענטאַל. זיך באַקענענדיק מיט אַ פראַגמענט פון מיין מאַנוסקריפּט, האָט ער גאַנץ וואַרעם זיך אָפּגערופן וועגן אים. ער האָט אויך מסכים געווען איך זאָל איבערלאָזן דעם כתב־יד אין דער היסטאָרישער קאָמיסיע, וואָס וועט מיר אים שפּעטער איבערשיקן קיין אויסלאַנד, וואו איך וועל ענדלעך געפינען אַ מקום מנוחה.

איך בין אָבער געווען אין ספק, צי דער זייער ליבנסווירדיקער נחמן בלומענטאל וועט אפילו ביי זיין בעסטן ווילן קענען אויספירן זיין צוזאָג

צו מיר. איך האָב פּשוט מורא געהאַט, אַז עס קענען צו יענער צייט זיך שאַפֿן שוועריקייטן ביים איבערשיקן דעם מאַנוסקריפּט פון פּוילן קיין אויסלאַנד און איך האָב דעריבער באַשלאָסן צו ריזיקירן און אים מיטצונעמען מיט זיך. ערשט שפּעטער האָב איך זיך איבערצייגט, אַז מיין פאַרגעפיל האָט מיך ניט אָפּגענאַרט, ווייל כמעט אַלע, וואָס האָבן געהאַט עפּעס איבערגעלאָזן אין דער היסטאָרישער קאָמיסיע, האָבן דערנאָך געהאַט גרויסע שוועריקייטן ביים צוריקבאַקומען עס.

מיין מאַנוסקריפּט איז מיר געלונגען בשלום אַדורכצוטראָגן דעם גאַנצן בריחה־וועג, ביז איך האָב סוף־כל־סוף דערגרייכט די אַמעריקאַנער זאָנע פון דייטשלאַנד. דאָרטן האָב איך מיט דער צייט דעם כתב־יד איבערגעאַרבעט און שטאַרק פאַרגרעסערט מיט אַ סך נייע מאַטעריאַלן. די דאָזיקע ערשטע גרעסערע אַרבעט צו דער געשיכטע פון קאָוונער געטאָ איז אין 1948 דערשינען אין מינכען אונטערן נאָמען „אומקום פון יידישער קאָוונע" (424 זייטן, אַרויסגעגעבן דורכן פאַרבאַנד פון ליטווישע יידן אין גלות־דייטשלאַנד).

* * *

בעת אונדזער זיין אין לאָדזש האָבן מיר אויך באַזוכט דעם ראַיאָן פון דער געוועזענער לאָדזשער געטאָ. זעלטן־וואו איז אין געטאָ געווען צו זען אַ גאַנץ הויז. כמעט אַלע הייזער זיינען געוואָרן צעשטערט אין דער צייט פון דער געטאָ־ליקווידאַציע. דאָ און דאָרט האָט מען אויף די ווענט פון די חרובע הייזער געקענט נאָך זען אין יידיש און דייטש געדרוקטע „באַפעלן" פון דעם טרויעריק־באַרימטן יידישן געטאָ־„מלך", מרדכי רומקאָווסקי, אין וועלכע ער רופט די יידן זיך ניט קעגנצושטעלן דער דעפּאָרטאַציע און זאָגט זיי צו דערביי כלערליי גליקן.

ווייזט אויס, אַז די לאָדזשער געטאָ־יידן האָבן ניט צו שטאַרק געגלויבט אין רומקאָווסקיס צוזאָגן, און זיי זיינען פרייוויליק ניט געגאַנגען צו דער דעפּאָרטאַציע. די נאַציס האָבן דעריבער אין געטאָ צעשטערט הויז נאָך הויז און האָבן מיט געוואַלד דעפּאָרטירט די יידן. קרוב צו טויזנט יידן איז דאָך געלונגען אויסצומיידן די צוואַנג־דעפּאָרטאַציע און צו דערלעבן די באַפרייאונג.

מיר גייען פון געסל צו געסל און אין מוח עקבערט דער געדאַנק, אַז אָט דאָ אין דער געטאָ פון „ליצמאַנשטאַדט", ווי די דייטשן האָבן אָפיציעל משנה שם געווען די שטאָט לאָדזש, האָבן אַ פּאָר הונדערט טויזנט יידן זיך געפּלאָגט אין נאַצישן גיהנום און זיינען דערנאָך אין שרעקלעכע יסורים

אומגעבראַכט געוואָרן אין אָשווענטשים, טרעבלינקע און אַנדערע היטלע־רישע טויט־פאַבריקן.

וואָס לענגער מיר געפינען זיך אין תחום פון געוועזענעם געטאָ, אַלץ מער טראַכטן מיר וועגן די אויפפאַלנדיקע ענלעכקייטן צווישן די געטאָס פון קאָוונע און לאָדזש. צוליב אַ גאַנצער ריי סיבות זיינען אָט דיביידע געטאָ־ישובים געבליבן עקסיסטירן לענגער ווי די אַנדערע געטאָס אין די אָקופּירטע מזרח־געביטן, און זיי האָבן זיך אויפגעהאַלטן האַרט ביז צום דייטשן צוריקטריט פון קאָוונע און לאָדזש. שטאַרק ענלעך איז אויך געווען דער גרויזאַמער גורל פון די ביידע געטאָס אין סאַמע לעצטן קריטישן מאָ־מענט פון זייער ליקווידאַציע און דעפּאָרטאַציע.

עס האָט גענומען אָנפאַלן דער זומערדיקער פאַרנאַכט, ווען מיר האָבן מיט לאַנגזאַמע טריט גענומען פאַרלאָזן די געגנט פון דער חרובער לאָדזשער געטאָ. פאַרבייגייענדיק אַ חורבה, האָבן מיר אויפן קעלער באַמערקט אַ שילד אין יידיש, אַז דאָ קען מען צו ביליקע פּרייזן באַקומען אַ גלאָז קאָווע און עפּעס צובייסן. אויפן פאַן פון די אַרומיקע רואינען האָט אָט דער צופעליק גאַנץ־געבליבענער שילד מיט אַ בולטער שאַרפקייט אונטערגע־שטראָכן די עקשנותדיקע לעבנס־קראַפט פון די צום טויט־פאַראורטיילטע געטאָ־יידן, וואָס האָבן אַלץ געטאָן, כדי ווי ניט איז זיך צוצופּאַסן צו די שוידערלעכע באַדינגונגען, מיט דער כוונה אַריבערצולעבן זייערע רוצחים און צו דערוואַרטן זיך אויף דער גאולה.

ביים אַרויסגיין פון געטאָ־ראַיאָן האָט מען אונדז אָנגעוויזן אויף אַ קליינעם קאַטוילישן קלויסטער. אין די נאַצי־יאָרן האָט דער געטאָ־צוים זיך געפונען האַרט לעבן אָט דעם קלויסטער, וואוהין מען פלעגט יעדן זונ־טיק פירן צום גאָטעסדינסט די משומדים פון געטאָ. אָבער דאָס האָט, ווייזט אויס, גאָרניט געהאָלפן די משומדים ניט צו טיילן דעם זעלבן טראַגישן גורל ווי די איבעריקע געטאָ־איינוואוינער. כמעט אַלע פון זיי זיינען גע־וואָרן צעריבן צווישן די שטיינער פון די נאַצישע טויט־מילן.

* * *

עס איז אַוועק אַ טאָג נאָך אַ טאָג און אָט איז שוין באַלד אַ חודש צייט, ווי מיר געפינען זיך נאָך אַלץ אין לאָדזש. מיט יעדן אַוועקפאָרן פון אַ באַקאַנטן ליטווישן ייד ווערט אונדזער אומרואיקייט אַלץ גרעסער. די איינ־ציקע האָפענונג איז דער צוזאָג פון קיבוץ „דרור", אַז סוף יולי וועלן מיר מיט זייער הילף זיך רירן פון אָרט.

היות מיר זיינען ניט געווען קיין מיטגלידער פון „דרור", האָט דער

קיבוץ פון אונדז פאַרלאַנגט זעקס טויזנט זלאָט, צו צוויי טויזנט זלאָט פאַר אַ מענטשן. דער דאָזיקער אָפּצאָל איז גענומען געוואָרן פון זייטיקע פער־זאָנען, וואָס האָבן ניט געהערט צום קיבוץ און האָבן געוואָלט זיך לאָזן אויף די וועגן פון דער בריחה, אויסנוצנדיק די הילף און די פאַרבינדונגען פון קיבוץ „דרור". אגב, זיינען אַזעלכע אָפּצאָלן גענומען געוואָרן אויך פון אַנדערע קיבוצים.

כדי צו קענען שאַפן די דאָזיקע פאַר אונדז גאַנץ היפּשע סומע געלט, האָבן מיר געמוזט אויספאַרקויפן כמעט אַלץ פון אונדזער באַלעבאַטיש־קייט, וואָס מיר האָבן געהאַט מיטגעבראַכט מיט זיך קיין פּוילן. אָבער דאָס איז נאָך אַלץ געווען צו ווייניק, און מיר האָבן געמוזט זיך באַטייליקן ווי „שותפים" אין אַ שמוגל־נסיעה פון לאָדזש קיין לאַוענבורג, לעבן דאַנציק. די נסיעה האָט אויף אונדזער חלק אַריינגעבראַכט אַ פּאָר טויזנט זלאָט, און דאָס צוזאַמען מיט געלט פאַר די אויספאַרקויפטע זאַכן איז שוין געווען גענוג אויף צו באַצאָלן דעם קיבוץ די געפאָדערטע סומע געלט.

ענדלעך איז געקומען דער לאַנג־דערוואַרטער טאָג, ווען מיר האָבן געדאַרפט אָפּפאָרן פון לאָדזש קיין קראָקע. מיט אַ טאָג פריער האָט מען פון „דרור" צונויפגערופן די גאַנצע גרופּע מענטשן, וואָס האָט געדאַרפט פאָרן צוזאַמען, און מען האָט אונדז אָנגעזאָגט, ווי אַזוי מיר דאַרפן זיך נוהג זיין אויף דער נסיעה. דעם באַשטימטן אָנפירער פון דער גרופּע איז אויך געזאָגט געוואָרן דער פּאַראָל, וואָס מען דאַרף זאָגן דעם מענטשן, וועלכער וועט אונדז קומען באַגעגענען אויף קראָקער וואָקזאַל.

די באַן קיין קראָקע האָט געזאָלט אָפּגיין אַזייגער 10 אין אָוונט. כדי צו קענען זיך אַריינרייסן אין צוג, האָט מען געמוזט קומען מיט עטלעכע שעה פריער און פאַרנעמען אַן אָרט צווישן דער גרויסער צאָל וואַרטנדיקע פּאַ־סאַזשירן.

קיין לאָדזש זיינען מיר געקומען מיט אַ היפּש ביסל זאַכן, איצט אָבער, פאַרלאָזנדיק לאָדזש, איז אונדזער גאַנצער באַגאַזש באַשטאַנען פון צוויי רוקזעקלעך, אין וועלכע עס איז געווען צונויפגעפּאַקט אונדזער גאַנצער רכוש, מ'שטיינס געזאָגט. באַלאָדן מיט די רוקזעק אויף די פּלייצעס און מיטן קינד אויף די הענט, האָבן מיר זיך געלאָזן צו דער באַן.

אויפן וואָקזאַל האָבן מיר זיך געטראָפן מיט די אַנדערע מענטשן פון אונדזער גרופּע, און מיר האָבן זיך שוין געהאַלטן צוזאַמען. דער וואָק־זאַל איז געווען באַלאַגערט פון הונדערטער, הונדערטער מענער, פרויען און קינדער, וואָס האָבן געוואַרט אויף אַ באַן. ס'רוב פּאַסאַזשירן זיינען

וואַרטנדיק אויף א באַן

געווען אויסגעזעצט אויפן דיל לעבן זייערע פעקלעך. מען האָט געשמועסט אויפן קול און דער טומל איז געווען ווי אויף אַ גרויסן יריד.

ווען ס'איז אָנגעקומען אונדזער צוג, האָבן הונדערטער מענטשן מיט אַ ווילדן אימפעט זיך אַ לאָז געטאָן צום אַרויסגאַנג־טירל. ווען עס איז שוין יאָ געלונגען זיך אַדורכצורייסן ביז צו דער באַן, האָט ערשט איצט געדאַרפט געווינען די שווערסטע „שלאַכט": זיך אַריינרייסן אין אַ וואַגאָן. ייִנגערע און פלינקערע מענטשן האָבן זיך געריסן אין די וואַגאָנען דורך די צעבראָכענע וואַגאָן־פענצטער. די גאַר־געוואַגטע מענטשן זיינען אַרויפּ־געקראָכן אויף די דעכער פון די וואַגאָנען און דאָרט געזען זיך איינצואָרדע־נען ווי מעגלעך בעסער.

אין א געקנויל פון פעק און פעקלעך האָבן מענטשן זיך געדריקט און געשטיקט אין דער שוידערלעכער ענגשאַפט פון די ניט־באַלויכטענע וואַגאָ־

נען. די געשרייען און זידלערייען פון די דערוואַקסענע האָבן זיך אַדורכ־
געמישט מיט די געוויינען פון די קליינע קינדער. ווען די באַן האָט גע־
נומען זיך באַוועגן, איז צו דעם אַלעמען נאָך צוגעקומען די בראַזגעריי פון
לויפנדיקן צוג.

נאָך אַ רייזע פון אָנדערהאַלבן מעת־לעת זיינען מיר אויף איבער־
מאָרגן אינדערפרי אָנגעקומען קיין קראָקע.

11טער קאַפּיטל

אין קראָקע

דער יידישער איבערגאַנג־לאַגער אין קראָקע. — פּלוצעם ווערן מיר „גריכישע" יידן. — אַ חנעוודיק יידיש מיידל לערנט מיט אונדז די גאַנצע גריכישע „תורה" אויף איין פּוס. — מיר פאַרלאָזן קראָקע. — פּאָגראָם אין קראָקע נאָך אונדזער אַוועקפאָרן.

מידע און אויסגעשעפּטע פון דער שווערער באַן־נסיעה פון לאָדזש קיין קראָקע, זיינען מיר פון קראָקער וואָקזאַל אָפּגעפירט געוואָרן צו אַן איבערגאַנג־לאַגער פאַר די דורכפאָרנדיקע וואַנדער־יידן. דאָס איז געווען אַ גרויסע געמויערטע געביידע אויף ערגעץ אַ זייטיקער גאַס. אויף אַלע שטאָקן פון דעם אָפּגעלאָזענעם בנין האָבן זיך געפונען מאַסן יידישע פליטים. די גרויסע צימערן זיינען געווען אָן שום מעבל, און די מענטשן זיינען געזעסן אָדער געלעגן אויפן דיל, וואָס איז געווען באַדעקט מיט אַ ביסל שטרוי. אין גאַנצן לאַגער, בפרט אָבער אין די טואַלעטן און אין די וואַש־צימערן, איז געווען שוידערלעך שמוציק. עס איז ממש געווען אוממעגלעך צו עפּעס זיך צוצורירן.

ווער עס האָט געקענט, האָט געזען וואָס־ווייניקער זיך אויפצוהאַלטן אין לאַגער. מען האָט אַרומגעבלאָנקט אויף די רואיק־געמיטלעכע און שיי־נע גאַסן פון קראָקע, וואָס איז אַמאָל געווען די פּוילישע הויפּטשטאָט און פאַרנעמט אַזאַ בכבודיק אָרט אין דער געשיכטע פון פּוילן. בעת זייער צוריקטריט האָבן די דייטשן ניט באַוויזן צו צעשטערן קראָקע מיט איר באַרימטן וואַוועל־שלאָס, וואו עס ליגן באַגראָבן די אַמאָליקע פּוילישע מלכים און גרויספירשטן. אויפן שלאָס האָבן געפלאַטערט די פּוילישע און סאָוועטישע פאָנעס. זעלטן־וואו האָט מען געקענט אָנטרעפן אויף אָרטיקע יידישע תושבים. דאָ און דאָרט האָט מען געקענט זען די שפּורן פון פאַר־שוואונדענעם יידישן לעבן פון איינער פון די עלטסטע און אָנגעזעענסטע יידישע קהילות אין פּוילן.

אין אַ פּאָר טעג אַרום נאָך אונדזער קומען קיין קראָקע איז קלאָר גע־וואָרן, אַז צום גליק וועט מען דאָ ניט דאַרפן זיצן צו לאַנג און מען וועט אינגיכן זיך לאָזן אין וועג אַריין. דאָס איז פאַר די פליטים געווען אַ גוטע בשורה, ווייל אַלע זיינען געווען באַהערשט פון פאַרלאַנג וואָס־גיכער צו פאַרלאָזן דעם שמוציקן און אָפּגעלאָזענעם לאַגער.

נאָכן אָפּזיין אין לאַגער עטלעכע טעג האָבן מיר אין איינעם אַ פּרי־מאָרגן געזען, אַז די פריער־געקומענע וואַנדער־יידן ווערן גערופן צו דער לאַגער־אָנפירונג און עס ווערט זיי געמאָלדן, אַז זיי דאַרפן זיך גרייטן צו פאַרלאָזן קראָקע. דאָס איז געווען אַ דערקלערונג, אויף וועלכער יעדער איינער האָט אַרויסגעקוקט און מיט אומגעדולד דערוואַרט.

אומדערוואַרט איז אָבער דערביי געווען דאָס, וואָס מען האָט די מענטשן געזאָגט, אַז פון דאַנען וועלן זיי פאָרן ווייטער ווי כלומרשטע גריכישע יידן, וואָס זיינען געווען פאַרשלעפּט דורך די נאַציס אויף צוואַנג־אַרבעט און קערן זיך צוריק אין זייערע היימען. יעדער פּלוצעם־געוואָרענער „גריך" האָט באַקומען אַ גריכיש־יידישן פאַמיליע־נאָמען און עס איז אָנגעזאָגט געוואָרן עפּנטלעך אויסצומיידן צו ריידן יידיש אָדער אַן אַנדער מזרח־אייראָפּעאישע שפּראַך און אָנשטאָט דעם צו ריידן העברעאיש אָדער „גריכיש". געטאָן געוואָרן איז עס מחמת דעם, וואָס גריכישע יידן ריידן ניט קיין יידיש און מיטן ריידן יידיש וואָלט מען געקענט פאַרראַטן דעם גאַנצן פּלאַן פון כלומרשטע גריכישע יידן, וואָס פאָרן אַהיים.

כדי צו באַקענען יעדן דערוואַקסענעם פּליט כאָטש מיט אייניקע עלעמענטאַרע ידיעות וועגן גריכנלאַנד, האָט ער, אַחוץ זיין פאַרגריכישטן פאַמיליע־נאָמען, געדאַרפט פאַרגעדענקען אויך די גריכישע שטאָט, פון וואַנען ער שטאַמט כלומרשט; די גריכישע מטבע, וואָס געפינט זיך אין אומגאַנג; די נעמען פון די גריכישע מושלים אאַז"וו.

די דאָזיקע גריכישע תורה על רגל אחת האָט מיט די פּליטים איינגעקנעלט אַ יונג, שוואַרץ־חנעוודיק יידיש מיידל פון אַ יאָר זיבעצן־אַכצן. מיט אַ גוואַלדיקן ערנסט, וואָס האָט גאָרניט געפּאַסט צו איר יונג־מיידלשן עלטער, האָט זי שעהן־לאַנג „געלערנט" מיט די פּליטים און האָט דערביי אַרויסגעוויזן אַ סך האַרציקע איבערגעגעבנקייט און פאַרשטענדעניש. זי איז ניט מיד געוואָרן אָבעראַמאָל און ווידעראַמאָל איבערצוחזרן די זעלבע פאַר פראַגעס, און זי איז געווען גוואַלדיק צופרידן, ווען אירע „תלמידים" האָבן עס שוין געקענט אויף אויסוויינינק. עלטערע מענטשן, וואָס האָבן מורא געהאַט זיי זאָלן פּלוצעם ניט פאַרגעסן ווי זיי הייסן אין גריכיש, אָדער ווי עס איז דער נאָמען פון „זייער" גריכישן קעניג, האָבן מיט אַ בלייער עס פאַרשריבן אויף דער האַנט־פּלאַך, כדי צו האָבן וואו אַ קוק צו טאָן אין אַן עת צרה, אויב עס וועט, חלילה, צו דעם קומען.

די אומגעריכטע „גריכיזאַציע" פון די פּוילישע, ליטווישע און אַנדערע יידן האָט, פאַרשטייט זיך, אַריינגעטראָגן אַ היפּש ביסל שפּאַס צווישן וואַנ־

דערנדיקן עולם און דאָס האָט געגעבן ניט ווייניק שטאָף פאַר כלערליי וויצן און חכמהלעך אויף דעם חשבון. גלייכצייטיק מיטן קאָמישן מאָמענט האָט אָבער יעדער איינער גאַנץ גוט פאַרשטאַנען, אַז מען מוז שטרענג אויספירן דעם אָנזאָג פון די אָנפירנדיקע מענטשן פון דער בריחה. מען האָט געוואוסט, אַז פון דעם איז אָפּהענגיק ניט נאָר דער אייגענער גורל אונ־טערוועגס, נאָר בפועל ממש דער גורל פון דער גאַנצער גרופּע מיט וועמען מען פאָרט צוזאַמען.

נאָכדעם ווי איך און מיין פרוי האָבן אויסגעהאַלטן דעם גריכישן „עקזאַמען", זיינען מיר צוגעטיילט געוואָרן צו אַ גרופּע מענטשן, וואָס האָט געדאַרפט אויף מאָרגן פרי אָפּפאָרן קיין קאַטאָוויץ.

עס מוז געזאָגט ווערן, אַז די בחורים און מיידלעך, וואָס האָבן יעמאָלט אָנגעפירט מיט דער בריחה־אַרבעט אין קראָקע, האָבן זייער אַרבעט געטאָן אויף אַ מענטשלעך־וואַרעמען אופן. כדי צו באַזאָרגן די אומפאַרמעגלעכע משפחות מיט אַ ביסל לעבנסמיטל אויפן וועג, האָט מען זיי אויף דעם געגעבן צו פאָר הונדערט זלאָט. פאַר פיל מענטשן איז דאָס ביסל הילף געווען אַ זייער וויכטיקער ענין און זיי זיינען געווען זייער דאַנקבאַר די בריחה־אָנפירער פאַר דער אויפמערקזאַמקייט און אינטערעס צו די נויטן פון די וואָגלענדיקע יידן.

* * *

אין עטלעכע טעג אַרום נאָך אונדזער פאַרלאָזן קראָקע איז דאָרטן דעם 11טן אויגוסט, 1945, פאָרגעקומען אַ פּאָגראָם אויף יידן. די כלומרשטע סיבה פון פּאָגראָם איז געווען אַזאַ:

ענדעקישע אַנטיסעמיטן האָבן פאַרשפּרייט אַ קלאַנג, אַז יידן האָבן פאַרכאַפּט פּוילישע קינדער און זיי באַהאַלטן אין אַ קלויז מיטן ציל זיי צו דערמאָרדן. צענדליקער כוליגאַנעס האָבן זיך אַריינגעריסן אין אָט דער קלויז, וואו יידן האָבן בעת מעשה געדאַוונט, און עס איז אַנטשטאַנען אַ בלוטיקער געשלעג צווישן זיי און די מתפּללים. שפּעטער־צו האָבן די פּאָגראָמשטשיקעס גענומען באַפאַלן יידן אויף די גאַסן, זיי מערדערלעך שלאָגן און באַרויבן. בעת די עקסצעסן זיינען עטלעכע יידן געפאַלן טויט און מערערע צענדליקער זיינען געוואָרן פאַרוואונדעט. אין אָונט האָבן די כוליגאַנעס ווידעראַמאָל זיך אַריינגעריסן אין דער זעלבער קלויז און זי אונטערגעצונדן. פריער האָבן זיי אַרויסגעשלעפּט פון שול די ספרים און זיי פאַרברענט אויף אַ שייטערהויפן אין מיטן גאַס.

די פּאָליציי איז די גאַנצע צייט פון די איבערפאַלן געווען פּאַסיוו און

האָט ניט אונטערגענומען קיין שריט צו באַרואיקן די כוליגאַנעס. לויט דער אינטערווענץ פון די העכערע מלוכה־אינסטאַנצן זיינען דערנאָך אין קראָקע אַרעסטירט געוואָרן עטלעכע הונדערט פערזאָן, פאַרדעכטיקטע אין פאָגראָם. צווישן זיי זיינען געווען אַ סך מלוכה־באַאמטע און פּאָליציי־פּאַרשטייערס.

דער פּאָגראָם אין קראָקע ווי אויך די פריערדיקע אַנטי־יידישע עקס־צעסן אין פאַרשיידענע שטעט און שטעטלעך אין נאָך־מלחמהדיקן פּוילן האָבן שטאַרק אויפגערודערט די רעשטלעך פון פּוילישן יידנטום און זיי באַשיינפּערלעך באַוויזן, אַז אפילו אין „באַפרייטן" פּוילן זיינען זיי ניט זיכער מיט זייער לעבן.

דער קולמינאַציע־פּונקט פון אָט די אַנטי־יידישע עקסצעסן איז גע־וואָרן דערגרייכט בעתן טרויעריק־באַרימטן קיעלצער פּאָגראָם אין זומער 1946, וואָס האָט באַוועגט צענדליקער טויזנטער פּוילישע יידן צו אַנטלויפן פון פּוילן און זיך לאָזן אויף די וועגן פון דער בריחה.

12טער קאַפּיטל

אַ טאָג אין קאַטאָוויץ

מיט אַן אויטאָ פון קראָקע קיין קאַטאָוויץ. — מיר פאָרן פאַרביי אָשוויענטשים. — שטימונגען און רעיונות פון אַ ליטווישן ייד, וואָס פאָרט ווי אַ „גריך" איבער פוילישע וועגן. — שיינער קבלת־פנים אין קאַטאָוויץ. — אויף קאַטאָוויצער וואָקזאַל שפּילן מיר די ראָלע פון „גריכן". — קאָמישע מאָמענטן. — מיר פאָרן קיין בראַטיסלאַווע.

דעם וועג פון קראָקע קיין קאַטאָוויץ האָבן מיר אַדורכגעמאַכט מיט אַן אויטאָ. אין קראָקע זיינען מיר מיטן טראַמוויי צוגעפאָרן צו אַן אויסנשטאָטישן פונקט, וואָס האָט זיך געפונען ניט ווייט פון שאָסיי־וועג קיין קאַטאָוויץ. דאָרטן האָבן מיר געדונגען אַ פאַרבייפאָרנדיקן משא־אויטאָ, וואָס האָט קורסירט קיין קאַטאָוויץ, ער זאָל אונדז מיטנעמען אַהין.

עס איז געווען אַ פאַרוואָלקנטער טאָג, ווען מיר האָבן פאַרלאָזן קראָקע. פון צייט־צו־צייט האָט געטריפט אַ דראָבנער רעגנדל. גיך האָט אונדזער אויטאָ זיך געטראָגן אויפן גלאַטן שאָסיי־וועג. אונטערוועגס זיינען מיר פאַרבייגעפאָרן אַ גאַנצע ריי גרעסערע און קלענערע פוילישע ישובים.

בפרט זיינען אונדזערע חושים געוואָרן אָנגעשפּיצט, ווען מיר זיינען פאַרבייגעפאָרן ניט ווייט פון אָשוויענטשים (אוישוויץ), וואָס איז טרויעריק־באַרימט געוואָרן אין דער גאָרער וועלט צוליב די גאַז־קאַמערן און קרעמאַטאָריעס, וואו די נאַצישע מלאכי־חבלה האָבן אומגעבראַכט מיליאָנען יידן און אַנדערע קרבנות פון בלוטדורשטיקן היטלער־רעזשים.

אויסערלעך איז דאָ גאָרניט געווען צו זען אַזוינס, וואָס זאָל מיט עפּעס דערמאָנען די גרויזאַמסטע מאָרד־פאַבריק אין דער וועלט־געשיכטע. אָבער מען האָט גאָרניט געדאַרפט זען אָדער הערן. עס איז גענוג געווען נאָר אַ טראַכט צו טאָן, אַז אין דעם מאָמענט געפינט מען זיך בשכנות פון אָט יענעם געשפּענסטפולן אָרט, וואו מיליאָנען אומשולדיקע קרבנות האָבן אין גרויסע יסורים אויסגעהויכט זייערע נשמות, און אַ ציטער זאָל אַדורכגיין איבערן לייב. אין די אַנאַלן פון אַלגעמיינער און יידישער געשיכטע וועט אויף דור־דורות דאָס וואָרט „אוישוויץ" פאַרבלייבן, פון איין זייט, ווי די שוידערלעכסטע פאַרקערפּערונג פון נאַצישער רשעות און

רציחה, און, פון דער צווייטער זייט, וועט עס דינען ווי אַ סימבאָל פון מאַרטירערטום און קידוש השם.

לאַנגזאַם פאַרגייט דער גרויער פאַרכמורעטער טאָג און עס פאַלט צו דער בין־השמשות. דער ווינט און דער פייכטער וועטער האָבן טיף זיך אַריינגעגעסן אין אונדזערע גלידער און מען פילט אַ לייכטן ציטער. עס איז כמורנע אויף דער נשמה. אין מוח פלאָנטערן זיך פאַרשיידענע מחשבות און רעיונות. עס לאָזט זיך בשום אופן ניט גלייבן, אַז דו, דער ליטווישער ייד, פאָרסט איצט ווי אַ „גריך" איבער פוילישע וועגן, און אַז דו ביסט עס איינער פון דער גרויסער מחנה אַנטלויפנדיקע מזרח־אייראָפּעאישע יידן, וואָס מאַכן אַדורך דעם מערקווירדיקן פּראָצעס פון „„יציאת מזרח־אייראָפּע" און ציען אונטער אַ שטריך אונטער איינעם פון די רומפולסטע קאַפּיטלעך אין דער נייסטער יידישער געשיכטע.

אין די פריע אָוונט־שעהן האָט דער אויטאָ אונדז געבראַכט קיין קאַטאָוויץ.

* * *

אין קאַטאָוויץ האָט מען אונדז זייער פריינדלעך מקבל פנים געווען. די אָרטיקע בריחה־אָנפירער האָבן אונדז איינגעאָרדנט צו נעכטיקן אין אַ פּריוואַטן האָטעל. נאָך אַזוי פיל וואָכן פון וואַלגערן זיך אין פאַרשיידענע ערטער, האָבן מיר דאָ געהאַט די געלעגנהייט כאָטש איין נאַכט צו שלאָפן אין אַ בעט, מיט מענטשן צוגלייך. אַדורכגעקעלטערטע פון דער לאַנגער נסיעה מיטן אויטאָ, איז געווען זייער אָנגענעם די געמיטלעכקייט פון האָטעל. מיר זיינען געווען גערירט פון דער פריינדלעכקייט מצד די בריחה־מענטשן, וואָס האָבן זיך מטפל געווען מיט אונדז.

פיל פון די קאַטאָוויצער בריחה־מענטשן האָבן גערעדט אַ פיינעם העברעאיש און עס איז געווען ניט שווער צו דערקענען, אַז עטלעכע פון זיי זיינען ארץ־ישראלדיקע יונגעלייט. מען האָט אונדז דערקלערט, אַז מיר וועלן דאָ נאָר איבערנעכטיקן און מאָרגן בייטאָג וועלן מיר זיך לאָזן מיט דער באַן קיין בראַטיסלאַווע, טשעכאָסלאָוואַקיע.

זיי האָבן אונדז מערערע מאָל אָנגעזאָגט ניט צו פאַרגעסן, אַז מיר זיינען „גריכישע יידן", וואָס פאָרן אַהיים, קיין גריכנלאַנד, און זיך מיען צו ריידן העברעאיש. זיי האָבן פאַרלאַנגט פון אונדז מיר זאָלן זיי אָפּגעבן אַלערליי פאָטאָגראַפיעס, וואָס מיר האָבן מיט זיך, ווי אויך בריוו, צעטעלעך,

אַדרעסן און אַלץ, וואָס קען פאַרראַטן אונדזער „גריכישקייט" אין פאַל פון אַ רעוויזיע אונטערוועגס.

נאָכן האַרציקן געזעגענען זיך מיט די בריחה־אָנפירער, האָבן מיר גענומען זיך גרייטן אין וועג אַריין. פיל פון אונדז זיינען געווען אָנגעטאָן אין געשטרייפטע כאַלאַטן, וואָס די געפאַנגענע האָבן געהאַט געטראָגן אין די נאַצישע קאַצעטן. יונגעלייט האָבן געטראָגן אויפן קאָפּ אַ בערעט און געגרויכערט אַ ליולקע. דאָס אַלץ האָט געדאַרפט אין אַ געוויסער מאָס פאַרשטאַרקן דעם איינדרוק, אַז מיר זיינען טאַקע „אמתע גריכן". באַלאָדן מיט רוקזעק אויף די פּלייצעס האָבן מיר זיך דערשלעפּט צום וואָקזאַל.

ערשט דאָ אויפן וואָקזאַל האָט זיך אָנגעהויבן די גריכישע סדרה ביים איינקויפן די באַן־בילעטן. צוגייענדיק צום פענצטערל, וואו מען פאַר־קויפט די בילעטן, האָט מען געדאַרפט אָפּזאָגן עפּעס אַ פּסוק פון יקום פורקן אָדער פון דער הפטרה און צום סוף פאַרענדיקן מיט אַ דייטלעך־אַרויס־גערעדטן וואָרט „בראַטיסלאַוואַ". פאַרן באַן־באַאַמטן איז דאָס לעצטע וואָרט בראַטיסלאַוואַ געווען דער עיקר און ער האָט פאַרשטאַנען, אַז דער פאַר־שוין מיטן משונהדיקן הילוך און מאָדנעם לשון וויל אוודאי אַ בילעט צו פאָרן קיין בראַטיסלאַווע.

פאַרשטייט זיך, אַז מען האָט דערביי געדאַרפט זיך גוט באַהערשן און ניט אויסשיסן מיט קיין געלעכטער קוקנדיק אויפן באַן־באַאַמטן, וואָס הערט זיך צו מיט נייגיר צו אַזאַ קיינמאָל ניט געהערטער שפּראַך. דאָס אמתע געלעכטער איז ערשט געקומען נאָכדעם ווי מען איז אָפּגעטראָטן פון פענצטערל און מען איז געווען גליקלעך, וואָס דער ערשטער גריכישער „בר־מער" איז אָדורכגעגאַנגען מיט הצלחה.

ענדלעך איז אונדזער עולם געלונגען זיך אַריינצושטופּן אין פּול־געפּאַקטן צוג. אין די וואַגאָנען איז אַ געוואַלדיקע ענגשאַפט. פון די כלערליי שפּראַכן, וואָס די פּאַסאַזשירן ריידן צווישן זיך, איז קענטיק, אַז אין צוג איז דאָ אַן ערב־רב פון פאַרשיידענע אייראָפּעאישע נאַציאָנאַליטעטן.

אַמוויניקסטן באַריידעוודיק זיינען מיר, די „גריכן". ווער עס קען, פּלאַפּלט אָפּגעריסענע העברעאישע ווערטער. ס'רוב אָבער האַלטן זיך איין פון ריידן און מען שווייגט אונטער. מיט פאַרשערישע בליקן באַטראַכטן מיר דעם מיטפאָרנדיקן עולם און הערן זיך צו צו די קלאַנגען פון פאַר־שיידענע לשונות.

גרויסע צרות איז מיט די עטלעכע קליינע קינדער אין אונדזער גרופּע.

זיי, די קינדערלעך, ווילן פאַר קיין פּאַל ניט זיין קיין „גריכן" און ווילן דווקא ריידן יידיש. טאַטע־מאַמע פּרוּאוון באַרואיקן די קינדער מיט גוטן און מיט בייזן, אָבער עס העלפט ווייניק. אַ ביסל בעסער איז די לאַגע מיט די פּאָר קינדערלעך פון ליטע. מען רעדט מיט זיי ליטוויש און מער מיידט אויס אויף אַזאַ אופן די „סכנה" פון ריידן יידיש.

עס לויפן די שעהן און מיר דערנענטערן זיך אַלץ מער און מער צו דער פּויליש־טשעכאָסלאָוואַקישער גרענעץ.

13טער קאַפּיטל

איבער טשעכאָסלאָוואַקיע קיין אונגאַרן

מיר וואַלגערן זיך אויף בראַטיסלאַווער וואָקזאַל. — טראַגי־קאָמישער צופאַל מיט אַ גרופּע „גריכן". — שטויגענדיקע מעשיות ווי אַזוי רויטאַרמייער באַרויבן די רייזנדער. — מיר באַהאַלטן אונדזערע „קאַפּיטאַלן" און לאָזן זיך מיט דער באַן קיין בודאַפּעסט. — רוסישע סאַלדאַטן קומען אַריין ביינאַכט אין אונדזער וואַגאָן און נעמען צו, וואָס זייער האַרץ גלוסט. — אינטערעסאַנטער פאַל ביים דורכגיין די אונגאַרישע גרענעץ.

קיין בראַטיסלאַווע זיינען מיר אָנגעקומען ביינאַכט. אַלע צימערן אויפן וואָקזאַל זיינען געווען פול־געפּאַקט מיט מענטשן, וואָס זיינען געווען אויס־געלייגט אויפן דיל. מען האָט געדאַרפט בפועל ממש קריכן איבער די ליגנדיקע מענטשן, ווען מען האָט געוואָלט זיך רירן פון אָרט און צוקומען צו עפּעס.

מיט גרויס מאַטערניש האָבן מיר קוים געפונען אַ שטיקל ווינקעלע אויפן דיל, וואו זיך אויסצוציען און דעם קאָפּ אָנצושפּאַרן. דאָס געלעגער באַשטייט פון אַ מאַנטל אויסגעשפּרייט אויפן שמוציקן דיל און פון רוקזעקל, וואָס דינט ווי אַ קישן. טויט־מידע פון דער באַן־נסיעה כאַפּט מען אַ דרעמל און ביסלעכוויז גייען אָפּ די פאַרמאַטערטע גלידער.

מיט יעדן אָנקומענדיקן און אָפּגייענדיקן צוג ווערט אויפן וואָקזאַל אַ גערודער צווישן עולם. מענטשן קריכן איינע איבער די אַנדערע. איינע גייען אַרויס צום אָפּגייענדיקן צוג, די אַנדערע קומען אַריין. דער אַריין און דער אַרויס פון די מענטשן ווערט באַגלייט מיט אַ טומל ווי אויף אַ יאַרמאַרק. ס'רוב פון שלאָפנדיקן עולם כראָפּעט אויפן קול און הערט גאָרניט, וואָס ס'קומט פאָר אויפן וואָקזאַל. די לופט איז אַ שוידערלעכע.

כמעט לעבן איטלעכער שלאָפנדיקער גרופּע איז פאַראַן אַ וואַכער מענטש, וואָס גיט אַכטונג מ'זאָל עפּעס ניט צוגנבענען פון די פּעקלעך. פאַרדעכטיקטע טיפּן דרייען זיך אַרום אויפן וואָקזאַל און זוכן אַ שאַנס צוצונעמען, וואָס עס לאָזט זיך. מען דאַרף זיי, די קרימינעלע נפשות, היטן מיט צען אויגן.

אַז עס האָט גענומען אויסטאָגן, האָט דער עולם גענומען ביסלעכוויז זיך אויסטשוכענען. אין די טואַלעטן און וואַש־צימערן זיינען דאָ גרויסע

נאָך אַ לאַנגן און שווערן וועג

רייען און עס איז סכנות נפשות צוצוקומען צו זיי. אומעטום איז אַ שרעק־לעכער געדראַנג און מען פילט זיך פאַרלאָרן אין גרויסן געטומל.

אַ גאַנצן טאָג האָבן מיר פאַרבראַכט אויפן וואָקזאַל אין בראַטיסלאַווע. אייניקע פון אונדז האָבן אַ ביסל זיך אַרומגעדרייט אויף די גאַסן בשכנות פון וואָקזאַל, אָבער צו ווייט אַוועקצוגיין האָט מען מורא געהאַט, ווייל אין שטאָט האָבן מיליטערישע פּאַטרולן קאָנטראָלירט די דאָקומענטן ביי די פאַרבייגייערס. עס זיינען געווען ביי אונדז פאַרשיידענע מיינונגען וועגן דעם, וואוהין צו פאָרן ווייטער. טייל האָבן געוואָלט פאָרן קיין פּראָג, די אַנדערע קיין בודאַפּעסט. באַשלאָסן האָבן מיר צו פאָרן קיין בודאַפּעסט.

מיט אַ קליינער גרופּע „גריכישע" יידן האָט אין פּראָג פּאַסירט פאָלגנ־דיקער טראַגי־קאָמישער צופאַל:

זייענדיק אויפן וואָקזאַל גרייט אָפּצופאָרן פון פּראַג, האָט אַ באַן־באַ־אַמטער ביי זיי געפרעגט, ווער זיי זיינען און וואוהין זיי פאָרן. דערהערנ־דיק, אַז זיי זיינען גריכן, האָט דער באַאמטער, קען זיין גאַרניט מיינענדיק

קיין שלעכטס, דערקלערט, אַז ער וועט גיין צורופן אַ גריך, וואָס זאָל קענען מיט זיי זיך פאַרשטענדיקן אויף זייער אייגענעם לשון.

דערשראָקענע אויף טויט פון די דאָזיקע דיבורים, האָבן די „גריכן" אייליק גענומען זיך אָפּטראָגן פון וואָקזאַל און זען וואָס־גיכער נעלם צו ווערן צווישן המון פּאַסאַזשירן. ווען דער גריך איז געקומען און ער האָט דאָרטן שוין קיינעם ניט געפונען, איז אים די זאַך אויסגעקומען אַ ביסל קשהדיק און ער האָט גענומען אַרומזוכן זיינע „לאַנדסלייט". צום גליק איז די „גריכן" געלונגען זיך אַריינצוכאַפּן אין אַ צוג, וואָס האָט געהאַלטן אין אָפּגיין פון פּראָג און אויף אַזאַ אופן פּטור צו ווערן פון דער אומגע־וואונטשענער באַגעגעניש. קיין שרעק האָט זיי אָבער ניט געפעלט צוליב דער גאַנצער מעשה, וואָס האָט געקענט זיך פאַרענדיקן גאָר מיאוס.

* * *

אונדזער צוג האָט געדאַרפט אָפּגיין שפּעט אין אָוונט. אונדז איז גע־לונגען אויסצופּעולן ביים פאַרשטייער פון רויטן קרייץ, אַז די משפחות מיט קליינע קינדער זאָלן איינגעאָרדנט ווערן אין וואַגאָנען מיט ווייניקער אויסגעבראָכענע שויבן. די נעכט זיינען שוין געווען קילע און פאָרן אין אַ וואַגאָן מיט אויסגעבראָכענע שויבן איז געווען פאַר די קינדער געפערלעך. פון די אַלע וואָגלענישן זיינען די קינדערלעך געווען זייער אויסגעשעפּט און עס איז געווען אויף זיי אַ ביטערער רחמנות. נאָך מער ווי אויף די דערוואַקסענע האָבן די אַלע מאַטערנישן אונטערוועגס געווירקט אויפן גע־זונט־צושטאַנד פון די קינדער און דאָס האָט טאַטע־מאַמע פאַרשאַפט אַ סך זאָרג. וואו און ווען עס האָט זיך נאָר געלאָזן, האָבן עלטערן זיך געמיט צו באַזאָרגן פאַר די קינדער אַ בעסערן ביסן, אַ מעגלעכקייט פון קענען וויפיל־ניט־איז זיך אויסרוען אאַז"וו.

אין בראַטיסלאַווע האָבן מיר זיך אָנגעהערט פאַרשיידענע מעשיות וועגן דעם, ווי אַזוי רויטאַרמייער גייען אַריין ביינאַכט אין די וואַגאָנען און נעמען צו ביים עולם אַלץ, וואָס זייער האַרץ גלוסט. מען האָט אַפילו געהאַט גערעדט, אַז רוסישע סאָלדאַטן כאַפּן זיך אַרויף אויף די דעכער פון די וואַגאָנעס, וואו עס פאָרן אַ סך פּאַסאַזשירן און דראָען מענטשן מיטן אַראָפּוואַרפן פון דאַך, אויב זיי וועלן ניט אַוועקגעבן דאָס, וואָס זיי ווילן צונעמען.

די, וואָס האָבן געהאַט ביי זיך אַ ביסל געלט אָדער עפּעס אַ ווערטפולן קעגנשטאַנד, האָבן זיך געקליגט עס צו פאַרבאַהאַלטן אַזוי קונציק, אַז די רויטאַרמייער זאָלן עס ניט קענען אַזוי לייכט געפינען. מען איז אין

דעם פרט איינגעפאַלן אויף פאַרשיידענע המצאות. אַזוי, אַ שטייגער, האָבן מענטשן פאַרבאַהאַלטן זייער געלט אין ברויט, און דאָס שטיקל ברויט מיטן „אוצר" געהאַלטן גאַנץ אויבן־אויף, כדי ניט אַרויסצורופן קיין חשד. אַנדערע האָבן פון די פּאָר געלט־באַנקנאָטן געמאַכט קליינע פּאַפּירענע קניילעכלעך, זיי אַרומגעוויקלט מיט פאָדעם, זיי זאָלן אויסזען ווי „אומ־שולדיקע" קניילעכלעך פאָדעם. יעדער איינער האָט זיך געמיט איבערצוקליגן די רוסישע סאָלדאַטן, וואָס האָבן פראַסט און פשוט דורכגעפירט בפרהסיה באַרויבונגען פון די פּאַסאַזשירן, און קיינער האָט, פאַרשטייט זיך, ניט געוואַגט זיי זיך אַנטקעגנצושטעלן.

ווען מיר זיינען שוין געזעסן אין די פינצטערע וואַגאָנעס, גרייט אָפּ־צופאָרן פון בראַטיסלאַווע, האָט יעדער איינער קודם כל געזען איינצואָרדע־נען דעם ענין פון זיין פאַרבאַהאַלטענער „עשירות". אַנדערע האָבן אויך געפּרואווט פאַרבינדן די הענטלעך פון די טירן, די רויטאַרמייער זאָלן אַזוי לייכט ניט קענען אַריינקומען און אָפּשטאָטן זייערע ניט־געבעטענע וויזיטן.

אין מיטן נאַכט האָט אונדזער צוג זיך גענומען רירן פון אָרט. מיר זיינען געזעסן אין אומבאַלויכטענעם וואַגאָן און מיט אַ היפּש ביסל נער־וועזיטעט געוואַרט אויף „זיי". לאַנג וואַרטן איז אונדז ניט אויסגעקומען.

אַן ערך אין אַ האַלבער שעה אַרום ווי די באַן האָט זיך גענומען זיך רירן פון אָרט, זיינען אין אונדזער וואַגאָן אַריינגעקומען אַ פּאָר רוסישע סאָל־דאַטן און גלייך אָן שום שהיות זיך גענומען צו אונדזערע פּעקלעך. אַלע אין וואַגאָן האָבן זיך געמאַכט ווי פאַרזונקען אין שלאָף און מיט גאָרניט רעאַגירט. מיט האַרץ־קלאַפּעניש האָט יעדער איינער געוואַרט אויף דער מינוט, זיי זאָלן נעמען וואָס זיי ווילן און אַרויסגיין פון וואַגאָן.

ווען די „געסט" האָבן פאַרלאָזן אונדזער וואַגאָן מיטנעמענדיק מיט זיך וואָס זיי האָבן געוואָלט, האָבן אַלע לייכטער אָפּגעאָטעמט. איינער פון אונדזער גרופּע האָט זיך געכאַפּט, אַז צוזאַמען מיט זיין פאַרטפעל האָבן די רוסן אויך צוגענומען זיין האַלבן לעבל ברויט, וואו עס זיינען געווען פאַרשטעקט זיינע פּאָר צענדליק דאָלער. דער ייד האָט געבראָכן מיט די הענט און פשוט ניט געוואוסט וואָס צו טאָן פון פאַרדרוס. מיר האָבן אים געזוכט צו באַרואיקן און גלייך אויף אָן אָרט צונויפגעמאַכט פאַר אים עט־לעכע רובל. מיר האָבן אים אויך געטרייסט, אַז די רויטאַרמייער, ווען עס פעלט ניט וואָס צו עסן, וועלן אוודאי אַוועקוואַרפן זיין שטיקל ברויט צוזאַמען מיטן געלט, און זיי וועלן דערפון ניט האָבן קיין הנאה. פאַרן נידערגעשלאָגענעם יידן איז עס אָבער געווען אַ קליינע נחמה.

* * *

אינדערפרי האָט אונדזער באַן זיך דערנענטערט צו דער טשעכאָסלאָוואַקיש־אונגאַרישער גרענעץ. בליץ־שנעל האָט זיך פאַרשפּרייט אַ ידיעה, אַז אונגאַרישע באַאמטע קאָנטראָלירן די דאָקומענטן פון די פּאַסאַזשירן. דער עולם איז געוואָרן אַ ביסל אומרואיק. מען האָט געוואָלט האָבן וואָסגיכער אַדורכגעמאַכט די אומאַנגענעמע פּראָצעדור.

עס האָט זיך אַזוי געמאַכט, אַז די אַנדערע מענטשן פון אונדזער „גריכישער" גרופּע זיינען גראָד געזעסן אין אַן אַנדער וואַגאָן און עמעצער פון זיי האָט געהאַט ביי זיך דעם קאָלעקטיוון „דאָקומענט" פון דער גרופּע. אויף אַ ווײַלע האָבן מיר זיך פאַרלוירן און פשוט ניט געוואוסט, וואָס און ווי אַזוי צו זאָגן וועגן דעם דעם גרענעץ־באַאמטן.

מיר האָבן אָבער ניט געהאַט קיין צייט לאַנג צו טראַכטן. אומגעריכט איז פאַר אונדז שוין געשטאַנען דער באַאמטער, וואָס האָט מיט אַ האַנטזשעסט געבעטן אונדזערע דאָקומענטן. אין דעם מאָמענט איז מיין פרוי איינגעפאַלן אַ געוואַגטער געדאַנק: זי האָט פּלוצלונג זיך אויפגעהויבן פון אָרט און מיט אַ כלומרשט זיכערן טאָן אין איר שטים האָט זי זיך געווענדט צום באַאמטן אין... ליטוויש: „מיר זיינען גריכן", האָט זי געזאָגט, „און פאָרן אַהיים קיין גריכנלאַנד. אונדזער משפחה באַשטייט פון דריי פּערזאָן: איך, מיין מאַן און אונדזער קינד. דער קאָלעקטיווער דאָקומענט געפינט זיך ביי אַן אַנדער פּערזאָן פון אונדזער גרופּע. ער איז איצט אין אַן אַנדער וואַגאָן"...

דער שלאַנק־געבויטער אונגאַר, וואָס האָט פאַרמאָגט אַ זייער מילדן און סימפּאַטישן אויסדרוק פון פּנים, האָט די גאַנצע צייט אויפמערקזאַם זיך צוגעהערט צו מיין פרויס רייד, ווי ער וואָלט טאַקע באמת פאַרשטאַנען, וואָס זי רעדט צו אים. ס'איז געווען קענטיק, אַז דעם גוטהאַרציקן אונגאַר האָבן די קלאַנגען פון דער ליטווישער שפּראַך געקלונגען זייער אויסטעריש, און ער איז געווען זיכער, אַז מיר פאָרן מסתמא ערגעץ־וואו אין אַ פאַרוואָרפן ווינקל פון די באַלקאַן־לענדער. צום סוף האָט ער אַן שום ווערטער מיליטעריש סאַלוטירט פאַר אונדז און איז אַרויס פון וואַגאָן.

מיר זיינען געווען שטאַרק צופרידן, וואָס אונדז איז געלונגען אויף אַזאַ אופן זיך דורכצושאַרן די גרענעץ־קאָנטראָל ביים אַריינפאָרן קיין אונגאַרן. אונדזערע באַקאַנטע האָבן האַרציק געלאַכט הערנדיק די מעשה.

אין מיטן טאָג האָט דער צוג אונדז געבראַכט קיין בודאַפּעסט.

14טער קאַפּיטל

אַ פּאָר וואָכן אין בודאַפּעסט

ערשטע איינדרוקן פון דער אונגאַרישער רעזידענץ. — סאָוועטישע פּאַטרולן רעווידירן די דאָקומענטן פון די פּאַרבייגייערס, און מיר האָבן מורא זיך צו באַווייזן אויף דער גאַס.— לאַגער איבערפולט מיט מענטשן צוליב פאַרשטאָפּונג פון ווייטערדיקן בריחה-וועג. — שווערע לעבנס-באַדינגונגען אין לאַגער. — אינפלאַציע פון דער אונגאַרישער פּענגאָ. — אַ הילפס-קאָמיטעט פאַר פּוילישע יידן. — בראָש פון לאַגער שטייט מרדכי ראָזמאַן, וואָס איז שפּעטער באַרימט געוואָרן ווי דער אָנפירער פון דער מעפּילים-שיף „עקזאָדוס 1947״.

עס איז געווען אַ זוניק-לויטערער טאָג, ווען מיר זיינען אָנגעקומען קיין בודאַפּעסט. די אונגאַרישע רעזידענץ, וואָס באַשטייט פון צוויי טיילן שטאָט בודאָ און פּעסט, וועלכע זיינען אָפּגעטיילט איינע פון די אַנדערע דורכן טייך דונאַי, האָט אויף אונדז געמאַכט זייער אַ שיינעם איינדרוק. די פּראַכטפולע געביידעס, באַצירטע מיט פאַרשיידענע סקולפּטורן, די ברייטע און זויבערע גאַסן, די סקווערן און אַלעעס — אַלץ צוזאַמען האָט עדות געזאָגט אויף דעם, אַז מיר געפינען זיך אין איינער פון די שענסטע צענטראַל-אייראָפּעאישע שטעט.

מיר זיינען געווען צופרידן פון דעם, וואָס גלייך ביים אַראָפּגיין פון וואָקזאַל, באַלאָדענע מיט רוקזעק און פּעקלעך, האָבן מיר דערזען, אַז אויף אַלע גאַסן קען מען פראַנק און פריי קויפן צו גאַנץ ביליקע פּרייזן קוקורוזע (סוויט-קאָרן) און כלערליי פּרוכטן פון די וואַרעמע לענדער, ווי וויינטרויבן, אַפּריקאָסן, פּיטשעס אאַז״וו. מיט גרויס חשק האָבן מיר גענומען טועם זיין „פון די פּרוכט פון לאַנד״. מען האָט נאָר געדאַרפט האָבן פּענגאָס — די אונגאַרישע מטבע. שוין יעמאָלט איז דער ווערט פון דער אונגאַרישער וואַלוטע געווען זייער נידעריק געפאַלן און אויפן שוואַרצן מאַרק האָט דער דאָלער באַטראָפן זעקס-זיבן הונדערט פּענגאָס. שפּעטער־צו איז דער קורס פון פּענגאָ מוראדיק געזונקען און מען האָט פאַרן דאָלער געצאָלט עטלעכע הונדערט טויזנט און אַפילו אַ מיליאָן פּענגאָס.

אין בודאַפּעסט איז געווען אַ גרויסער איבערגאַנג־לאַגער פאַר בריחה־יידן. אונדזער עולם איז געבליבן וואַרטן ניט ווייט פון וואָקזאַל און איך

בין אין נאָמען פון דער גרופּע געפּאָרן אין לאַגער דערגייִן, צי מיר קענען קומען אַהין. דער לאַגער האָט זיך געפונען גאַנץ ווייט פון וואָקזאַל און איך בין אַהין געפּאָרן מיטן טראַמוויי.

לכתחילה האָבן מיר גאָרניט געוואוסט, אַז עס איז אַ סכנותדיקע זאַך פאַר פּרעמדע מענטשן, בפרט פאַר אַזעלכע וואָס זיינען אַוועק פון רוסלאַנד, זיך אַרומצודרייען אויף די בודאַפּעסטער גאַסן. די געפאַר איז באַשטאַנען אין דעם, וואָס סאָוועטישע מיליטערישע פּאַטרולן האָבן סיסטעמאַטיש רעווידירט די דאָקומענטן פון די פאַרבייגייערס און אַ סך מענטשן מיט חשודיקע דאָקומענטן זיינען פון זיי פאַרהאַלטן געוואָרן. מיט די פאַרהאַלטענע האָט מען ניט געמאַכט קיין צו לאַנגע מחזקות און מען האָט זיי מיטן עטאַפּ אָפּגעשיקט קיין רוסלאַנד אויף אַן „אויספאָרשונג״.

צווישן די פאַרהאַלטענע זיינען אויך געווען אייניקע קאָוונער געטאָ־יידן, וואָס זיינען אין פרילינג 1945 באַפרייט געוואָרן פון דאַכאַוער קאַצעט דורך די אַמעריקאַנער, און זיי זיינען מגולגל געוואָרן קיין בודאַפּעסט זוכנדיק זייערע משפחה־מיטגלידער. וועגן דעם האָבן מיר זיך אָבער דערוואוסט שפּעטער.

נאָכן אַדורכמאַכן געוויסע פאָרמאַליטעטן, איז אונדזער גרופּע מענטשן אויפגענומען געוואָרן אין לאַגער. געווען איז דער לאַגער אין אַן אָפּגעלעגענער פאָרשטאָט און האָט פאַרנומען אַ גאַנצע ריי געמויערטע געביידעס, וואו עס זיינען פריער געווען מיליטערישע שולן און קאַזאַרמעס. צו יענער צייט האָבן אין לאַגער זיך געפונען מערערע טויזנטער בריחה־יידן און פון טאָג־צו־טאָג איז זייער צאָל געוואָרן אַלץ גרעסער.

ביים אָנקומען אין לאַגער איז אונדז קלאָר געוואָרן, אַז מיר וועלן דאָ מוזן בלייבן אַ לענגערע צייט, ווייל צוליב געוויסע סיבות איז פאַרשטאָפּט געוואָרן דער ווייטערדיקער בריחה־וועג פון בודאַפּעסט און מען וועט מוזן וואַרטן, ביז מען וועט קענען באַזייטיקן די „פאַרשטאָפּונג״. עס איז גאָרניט געווען צו טאָן ווי נאָר שלום צו מאַכן מיטן פאַקט פון זיצן אין לאַגער און וואַרטן אויף דער מעגלעכקייט צו קענען ווען־עס־איז זיך רירן פון אָרט.

ווי אין אַלע אַנדערע איבערגאַנג־לאַגערן, זיינען אויך אין דעם בודאַפּעסטער לאַגער געווען אויסערסט־שלעכטע סאַניטאַר־היגיענישע באַדינגען. די ענגשאַפט איז געווען אַזוי גרויס, אַז אַפילו די קאָרידאָרן זיינען געווען אויסגענוצט ווי אויפהאַלט־ערטער פאַר די מענטשן. אינדערפרי זיינען ביי די וואַש־צימערן געווען לאַנגע רייען. פריער האָבן געדאַרפט זיך

וואַשן די פּרויען, דערנאָך די מענער. ווארעם וואַסער איז געווען אַ יקר המציאות. וועש האָט מען געוואַשן מיט קאַלטע וואַסער און כמעט אָן זייף. אין די טואַלעטן איז געווען זייער ניט ריין. די שטרוי־זעק, אויף וועלכע מען איז געשלאָפן, זיינען געווען פול מיט שטויב און שמוץ. די, וואָס האָבן ניט געהאַט קיין בעטלעך, האָבן געדאַרפט שלאָפן אויפן דיל. עס איז פּשוט געווען אַ נס, אַז אין לאַגער האָט ניט אויסגעבראָכן קיין עפּידעמיע פון אַנשטעקנדיקע קראַנקייטן.

אַחוץ אַלעמען איז מצד דער לאַגער־אָנפירונג דער עולם געוואָרנט געוואָרן ניט אַרומצודרייען זיך אין גאַס, כדי ניט צו ווערן פאַרכאַפּט פון די סאָוועטישע פּאַטרולן, וואָס רעווידירן די דאָקומענטן פון די פאַרבייגייערס. מען האָט געהאַט איבערגעגעבן, אַז רוסישע סאָלדאַטן זיינען אַ פּאָר מאָל געווען אַריין אין תחום פון לאַגער גופא און פאַרהאַלטן עטלעכע מענטשן. מען האָט דעריבער געראַטן דעם עולם וואָס־ווייניקער צו זיין אויפן הויף פון לאַגער און צו בלייבן זיצן אין די צימערן. דאָס זיין אין לאַגער איז מחמת דעם געווען אַן אמתע אָפּקומעניש, און די מענטשן האָבן דאַרטן זיך זייער שטאַרק געפּלאָגט.

צרות האָבן מיר אויך געהאַט פון דעם, וואָס מיר זיינען ניט געווען צוגעוווינט צו די עסנס, וואָס ווערן צוגעגרייט אין דער אונגאַרישער קיך. זייער אָפט האָבן מיר בפועל ממש ניט געקענט פאַרזוכן אַ ביסל זופּ, וואָס איז געווען געקאָכט מיט פּאַפּריקע און אַנדערע ביטערע גרינסן און שאַרפע געווירצן. מען פלעגט אַוועקגיין פון „מיטאָג" כמעט אַ הונגעריקער. ווער עס האָט נאָך געהאַט ביי זיך אַ פּאָר דאָלער, האָט עס אויסגעביטן אויף פּענגאָס און געהאַט אַ מעגלעכקייט צוצוקויפן עפּעס פון דער אכילה. די פּרייזן זיינען געווען זייער הויכע.

אָט פאַרוואָס עס איז אַחוץ דער אָפיציעלער באַשפּייזונג פון לאַגער אויך געווען אַן אַזוי גערופענע „פּריוואַטע קיך", וואָס איז באַשטאַנען אין צוגרייטן אַ ביסל עסן אויף אַ פּאָר ציגל, אויסגעלייגטע אויפן הויף פון לאַגער אָדער אויפן באַלקאָן לעבן וואוינצימער. דורכן גאַנצן טאָג האָבן געברענט צענדליקער פייערלעך צוצוגרייטן אַ ביסל עסן פאַר זיך און בפרט פאַר די קינדערלעך. הגם די קינדער האָבן געהאַט באַקומען אַ ביסל בעסערע שפּייז ווי די דערוואַקסענע, איז עס אָבער געווען צו ווייניק און מען האָט געדאַרפט באַזאָרגן פאַר זיי נאָך עסן. זייער אָפט פלעגט מען דאַרפן וואַרטן שעהן לאַנג, ביז עס איז געקומען די ריי צו פאַרנעמען דאָס פייער. געקאָכט האָט מען אין בלעכענע פּושקעס פון קאָנסערוון און דאָס

קינדער אויף זייערע וואַנדער־וועגן קיין ארץ־ישראל

עסן איז געווען אַדורכגעמישט מיט רויך און סאַזשע און האָט געהאַט דעם אמתן טעם...

* * *

אין בודאַפּעסט איז געווען טעטיק אַ הילפס־קאָמיטעט פאַר פּוילישע יידן. דער קאָמיטעט האָט געהאַט באַקומען זיינע פאָנדן פון דזשאָינט און אַנדערע אַמעריקאַנער יידישע הילפס־אָרגאַניזאַציעס. אין קאָמיטעט האָט מען אַרויסגעגעבן איינמאָליקע אונטערשטיצונגען נאָר צו פּוילישע יידן. די הילף איז באַשטאַנען פון 500 פּענגאָס פאַר אַ מענטשן (מען האָט פאַר דעם געקענט קויפן אַ האַלב פונט פּוטער). געניסן פון דער הילף האָבן געקענט נאָר פּוילישע יידן, וואָס האָבן געלעבט פּריוואַט. די יידן פון לאַגער האָבן ניט געטאָרט זיך ווענדן צום קאָמיטעט נאָך הילף, ווייל זיי באַקומען דאָך „אַלץ פאַרטיקע” אין לאַגער גופא.

די לאַגער־יידן האָבן אָבער זיך געגעבן אַן עצה און מען האָט אָנ־געגעבן אין קאָמיטעט אַנדערע נעמען און אַנדערע אַדרעסן, און מען האָט געזען אַרויסצובאַקומען די עטלעכע הונדערט פּענגאָס. אָבער דאָס איז געווען פאַרבונדן מיט אייניקע שוועריקייטן. ערשטנס, האָט מען געדאַרפט זיך אויסהיטן פון די סאָוועטישע פּאַטרולן גייענדיק פון לאַגער צום קאָ־מיטעט און צוריק. צווייטנס, האָט מען אין קאָמיטעט געדאַרפט זיך אויס־היטן פון דעם, מען זאָל ניט דערגיין, אַז מען איז אַ לאַגער־ייד און מען באַקומט די אונטערשטיצונג אויף אַן אומגעזעצלעכן וועג. זייער אָפט פלעגט מען פון דער לאַגער־אָנפירונג זיך אַריינכאַפּן אין קאָמיטעט אַ קוק צו טאָן, צי לאַגער־יידן זיינען ניט געקומען „אַרויסנאַרן" די עטלעכע הונ־דערט פּענגאָס.

פאַר אונדז, ליטווישע יידן, איז אַחוץ אַלעמען נאָך נייטיק געווען צו שפּילן די ראָלע פון „פּאָליאַקן", ווייל ווי ליטווישע יידן האָבן מיר בכלל ניט געקענט פּרעטענדירן אויף קיין שום הילף פון קאָמיטעט פאַר פּוילישע יידן.

די נויט האָט אָבער גובר געווען אַלע מניעות. פיל מענטשן פלעגן גאַנץ פרי זיך אַרויסגנבענען פון לאַגער און לויפן אין קאָמיטעט. עס זיינען אויך געווען געוואַגטע און מער־חוצפּהדיקע פּערזאָנען, וואָס האָבן געזען אַרויסצובאַקומען הילף אַ צווייטן און אַפילו אַ דריטן מאָל, אָנגעבנדיק יעדן מאָל אַן אַנדער נאָמען און אַן אַנדער אַדרעס. פלעגט מען אַזאַ איינעם כאַפּן ביי דער האַנט, אַז ער האָט שוין איין מאָל באַקומען זיין חלק הילף, פלעגט ער אַרונטערלאָזן די אויגן און אַוועקגיין מיט גאָרניט. אין ס'רוב פאַלן פלעגן אָבער די קאָמיטעט־אָנגעשטעלטע זיך מאַכן ווי זיי דערקענען ניט, אַז דאָס זיינען די זעלבע מענטשן און דער „פאַרברעכן" פלעגט אַראָפּ־גיין גאַנץ גלאַט.

אָט אַזוי האָבן מענטשן זיך געדרייט און געזען ווי־עס־איז צו קענען אַדורכשטופּן די שווערע צייט אין לאַגער.

* * *

בראש פון בודאַפּעסטער לאַגער איז יעמאָלט געווען מרדכי ראָזמאַן, וואָס איז אין צוויי יאָר אַרום געוואָרן באַרימט ווי דער העלדישער אָנפירער פון דער לעגענדאַר־געוואָרענער מעפּילים־שיף „עקזאָדוס 1947".

דער דאָזיקער מיטלוואוקסיקער יונגערמאַן פון אַ יאָר עטלעכע און דרייסיק, וואָס אַלע האָבן אים גערופן מאָטע, האָט אַרויסגעוויזן גאָר גרויסע אָרגאַניזאַטאָרישע פעאיקייטן און איז דערפאַר אַוועקגעשטעלט געוואָרן אין

שפּיץ פון איינעם פון די וויכטיקסטע דורכגאַנג־פּונקטן פון דער בריחה אין אייראָפּע. פאַר אָט דער טעטיקייט זיינער איז ער געוואָרן אַרעסטירט דורך דער סאָוועטישער מאַכט אין אונגאַרן און ערשט נאָך לאַנגע אינ־טערווענצן איז ער באַפרייט געוואָרן פון אַרעסט. ער איז אָבער אויך נאָכדעם ניט אַוועק פון זיין בריחה־פּאָסטן אין בודאַפּעסט.

אין זיין גאַנצער באַנעמונג און האַלטונג איז געלעגן גוואַלדיקע פּשטות, טיפער ערנסט און אחריותפולקייט לגבי זיינע ביז־גאָר וויכטיקע פליכטן. ער האָט אויך פאַרמאָגט אַ כוח־הדיבור און האָט געוואוסט ווי אַזוי און מיט וואָס צו נעמען זיינע צוהערערס.

איינמאָל איז אין לאַגער אויסגעבראָכן אַ מחלוקה צווישן איין גרופּע געוועזענע פּאַרטיזאַנער און אַ צווייטער. די פּאַרטיזאַנער, וואָס האָבן יאָרן־לאַנג פאַרבראַכט אין די וועלדער און פעלדער אין קאַמף קעגן די נאַציס און זיינען געווען יעדע מינוט אויסגעשטעלט אויף דער געפאַר צו ווערן דערשאָסן, זיינען געווען מענטשן מיט זייער פאַרשאַרפטע חושים און עמאָ־ציעס און האָבן געהאַט גאָר גוט זיך אויסגעלערנט די מלאכה פון באַנוצן רויע, פיזישע קראַפט.

ווען די מחלוקה האָט זיך צעפלאַקערט שטאַרקער, האָט עמעצער פון דער גרופּע אַ כאַפּ געטאָן אַ מעסער און עס האָט געהאַלטן דערביי, אַז אין לאַגער זאָל פאַרקומען אַ בלוטיקע שלאַכט צווישן די צוויי פּאַרטיזאַ־נער־גרופּעס.

פּלוצעם איז ווי פון אונטער דער ערד אַרויסגעוואַקסן מאָטע. מיט אַ סך געוואַגטקייט האָט ער קודם כל אַרויסגעריסן דאָס מעסער פון שלעַ־גערס האַנט און האָט תיכף ומיד איינגעשטילט דאָס געשלעג. נאָכדעם האָט ער גלייך אויף אַן אָרט געמאַכט אַ פאַרזאַמלונג פון די מענטשן און האָט זיי אויפגעקלערט אין וואָס פאַר אַ סכנה זיי שטעלן אַוועק דעם גאַנצן לאַגער מיט אַזעלכע סקאַנדאַלן. דער עולם האָט זיך באַרואיקט און מער זיינען אַזעלכע צוזאַמענשטויסן ניט פאַרגעקומען.

צוזאַמען מיט מאָטען זיינען אין דער לאַגער־אָנפירונג געווען טעטיק אַ גאַנצע ריי אַנדערע יונגעלייט, בפרט האָט זיך געוואָרפן אין די אויגן אַ יונגערמאַן, דוכט זיך, לוריע, וואָס האָט געשטאַמט פון אַ שטעטל אַרום ווילנע. ער איז געווען אַן אינטעליגענטער מענטש און האָט אַרויסגערופן צו זיך דרך ארץ מצד דעם עולם.

צווישן די לאַגער־אָנפירער איז אויך געווען נאָך אַ מאָטע, וואָס מען האָט אים גערופן „מאָטע דער הויכער" צו אונטערשיידן פון מאָטע ראָזמאַן,

וועלכער איז געווען אַ מיטלוואוקסיקער. ער, מאָטע דער הויכער, איז קענטיק געווען דער ממונה אויף די פינאַנצן פון בריחה־פּונקט. זייער אָפט האָט מען אים געקענט זען מיט גרויסע פּאָרטפעלן פול־געפּאַקטע מיט פּענגאָס. די לאַגער־יידן פלעגן וואַרפן גיריקע בליקן אויף די דאָזיקע גרויסע סכומים אונגאַרישער וואַלוטע און ניט זעלטן זיך ווענדן צו אים נאָך אַ ביסל הילף.

מענטשן האָבן געהאַט דעם איינדרוק, אַז ער, מאָטע דער הויכער, איז מער „ספּעץ" ווי אידעאַליסט און טוט זיין אַרבעט אָן געזעלשאַפטלעכער וואַרעמקייט. שפּעטער האָט מען זיך טאַקע דערוואוסט, אַז די דאָזיקע איינדרוקן זיינען באַרעכטיקטע: ער איז אַליין אַוועק אָדער מען האָט אים באַזייטיקט פון זיין בריחה־פּאָסטן.

מרדכי ראָזמאַן געפינט זיך איצט אין ישראל און שטייט בראש פון אַ קיבוץ פון השומר־הצעיר.

15טער קאַפּיטל

פון אונגאַרן קיין עסטרייך

מיר פאַרלאָזן בודאַפּעסט. — אונדזער גרופּע איז באַשטימט צו פאָרן קיין גראַץ, ענגלישע זאָנע פון עסטרייך. — שפּאַנענדיקע מאָמענטן ביים שוואַרצן די אונגאַריש־עסטרייכישע גרענעץ. — פריידיקע געפילן ביים אַרויסרייסן זיך פון די סאָוועטישע סאַטעליטן־לענדער.

נאָכדעם ווי מיר זיינען אָפּגעווען אַ פּאָר וואָכן אין בודאַפּעסטער לאַגער איז אין איינעם אַ טאָג באַקאַנט געוואָרן, אַז דער ביז־איצט פאַרשטאָפּטער בריחה־וועג איז ווידער פריי געוואָרן און מען וועט גאָר בקרוב פאַרלאָזן בודאַפּעסט. דער ווייטערדיקער וועג האָט געפירט קיין עסטרייך. אַ טייל מענטשן האָט געזאָלט פאָרן קיין ווין, אַנדערע קיין גראַץ, וואָס האָט פריער געהערט צו דער סאָוועטישער אָקופּאַציע־זאָנע פון עסטרייך און איז דערנאָך אַריבער צו די ענגלענדער. מיר האָבן געהערט צו דער גרופּע וואָס האָט געדאַרפט פאָרן קיין גראַץ.

קיין בודאַפּעסט זיינען מיר געווען געקומען ווי „גריכן", אָבער פון בודאַפּעסט האָבן מיר געדארפט פאָרן ווי כלומרשטע עסטרייכישע יידן, וואָס קערן זיך צוריק „אַהיים" פון די דייטשע קאַצעטן, וואו זיי זיינען געווען פאַרשלעפּט אין די היטלער־יאָרן. עס איז געוויס ניט נייטיק צו זאָגן, אַז צו שפּילן די ראָלע פון „עסטרייכער" איז אונדז געווען ניט אַן ערך לייכטער ווי די ראָלע פון „גריכן". די אומגאַנג־שפּראַך אין עסטרייך איז דאָך דייטש און וועלכער ייד, בפרט אַזאַ וואָס האָט געלעבט אונטער די נאַציס, קען עס ניט קיין דייטש ?...

אַ פּאָר טעג פאַרן אָפּפאָרן פון בודאַפּעסט האָבן אַלע מענטשן פון לאַגער געדאַרפט זיך פאָטאָגראַפירן, כדי צו האָבן פאָטאָ־בילדלעך פאַר די „דאָקומענטן" אַלס עסטרייכישע יידן. נאָכדעם זיינען די מענטשן גערופן געוואָרן אין ביוראָ פון דער לאַגער־אָנפירונג, וואו מען האָט זיי אַרויסגעגעבן די אַליין־געמלאכהוועטע פּאַפּירלעך.

צו יענער צייט איז אין עסטרייך געווען אַ גרויסער מאַנגל אין לעבנסמיטל, בפרט אין ברויט. מען האָט דעריבער אונדז אַלעמען אָנגעזאָגט, אַז יעדע משפחה זאָל מיטנעמען מיט זיך פון בודאַפּעסט וואָס־מער ברויט, דאָס ברויט און אַ ביסל אַנדערע פּראָדוקטן אַלס צידה לדרך איז באַזאָרגט

געוואָרן פון דער לאַגער־אָנפירונג. כדי צו מאַכן אַן אָרט אין רוקזאַק פאַר די גרויסע לאַבנס ברויט, האָט מען געמוזט איבערלאָזן דעקעס, מאַנטלען און אַנדערע מטלטלים.

סוף־כל־סוף איז געקומען דער לאַנג־דערוואַרטער טאָג פון פאַר־לאָזן די אונגאַרישע הויפּטשטאָט. באַלאָדענע מיט רוקזעק ברויט און אַנ־

גרייט אָפּצופאָרן

דערע פּעקלעך אונטערן אָרעם, האָט דער עולם זיך געלאָזן צום וואָקזאַל. געגאַנגען איז מען צו דער באַן אין קליינע גרופּקעס און אין געווויסע צייט־אָפּשטאַנדן. דאָס איז געטאָן געוואָרן מיט דער כוונה וואָס־ווייניקער צו ציען די אויפמערקזאַמקייט פון די אונגאַרישע און סאָוועטישע מאַכט־אָר־גאַנען.

אַז מען איז שוין געזעסן אין צוג, וואָס האָט געהאַלטן ביים אָפּגיין, האָט מען לייכטער אָפּגעאָטעמט. דאָס באַוואוסטזיין, אַז נאָך אין אַ טאָג־

צוויי אַרום וועט מען, האָפּענטלעך, זיך אַרויסרייסן פון די לענדער, וואָס געפינען זיך אין דער סאָוועטישער ספערע, האָט אָנגעפילט דאָס האַרץ מיט פריידיקע געפילן. אָבער וואָס־מער דער צוג האָט זיך דערווייטערט פון בודאַפּעסט, אַלץ מער איז געוואַקסן אונדזער אינערלעכע אומרואיקייט און צערודערונג. מען איז ניט געווען זיכער, ווי אַזוי עס וועלן זיך אַנטוויקלען די ווייטערדיקע געשעענישן אונטערוועגס.

פאַרנאַכט איז אונדזער צוג געבליבן שטיין אויף אַ קליינער באַן־סטאַנציע. מען האָט אונדז געזאָגט, אַז דאָ וועלן מיר בלייבן נעכטיקן און פון דאַנען וועלן מיר מאַכן די לעצטע צוגרייטונגען צו שוואַרצן די אונגאַריש־עסטרייכישע גרענעץ.

גענעכטיקט האָבן מיר אין אַן אָפּגעלעגן הויז ניט ווייט פון דער באַן־סטאַנציע. צונויפגעדריקטע ווי הערינג אין אַ פאַס, האָבן מיר אין גרויס ענגשאַפט די נאַכט „דורכגעשלאָפן" אויפן האַרטן דיל. אויף מאָרגן אינדערפרי האָט מען געמאַכט אַ געלט־זאַמלונג צווישן עולם איינצוקויפן עטלעכע שווייצאַרישע זייגערלעך, כדי זיי צו האָבן גרייט פאַר די סאָוועטישע גרענעץ־פּאַטרולן אין פאַל פון שוועריקייטן ביי דער גרענעץ. אַחוץ די זייגערלעך, האָט מען אויך אָנגעגרייט עטלעכע פלאַשן בראַנפן — אַ זאַך, אויף וואָס די רוסישע סאָלדאַטן זיינען געווען גאָר גרויסע בעלנים, און אין פאַל פון אַ צרה האָט מען מיט דעם ביי זיי געקענט פיל אויספועלן.

נאָך פרישטיק האָט מען אונדז געזאָגט, אַז בייטאָג וועלן די קלענערע קינדער מיט פורן ווערן אָפּגעפירט צו אַ פונקט, וואָס געפינט זיך האַרט ביי דער גרענעץ, און די דערוואַקסענע וועלן דאַרפן דורכמאַכן דעם וועג אַהין צופוס. דאָס איז געווען אַ מהלך פון צען־צוועלף קילאָמעטער.

אונדזער גרופּע איז באַשטאַנען פון אַן ערך הונדערט מענטשן, צווישן זיי אַ צענדליק קינדער. אויסגעשטעלטע אין רייען, ווי סאָלדאַטן, מיט די רוקזעק אויף די פּלייצעס, האָבן מיר אונטער דער באַגלייטונג פון אַ יידישן און ניט־יידישן אָנפירער זיך געלאָזן אין וועג אַריין. געגאַנגען זיינען מיר דורך זייטיקע וועגן און שטעגן איבער וועלדער און פעלדער. די פול־געפּאַקטע רוקזעק האָבן געמאַכט דאָס גיין גאַנץ שווער, און מיר האָבן געמוזט זייער אָפט זיך אָפּשטעלן און אָפּרוען.

נאָך עטלעכע שעה גיין זיינען מיר פאַרנאַכט געקומען צו אַ קליין וועלדל. מען האָט אונדז געהייסן אַריינגיין אין וועלדל און בלייבן דאָרטן וואַרטן, ביז עס וועט צופאַלן דער אָוונט. עס איז געווען אַן אויסטערליש בילד. אין דער טונקלקייט פון בין־השמשות האָבן די שאָטנס פון די ביי־

מער זיך צונויפגעגאָסן מיט די סילועטן פון די מענטשן. אַלץ אַרום האָט אויסגעזען עפּעס אַזוי משונהדיק און מיסטעריעז. מידע פון שווערן וועג זיינען מענטשן געלעגן שטילערהייט אויסגעצויגן אויף דער ערד און גע־קוקט אין דער טונקלקייט פון וועלדל.

ווען עס איז געוואָרן גוט פינצטער, האָט מען אונדז באַפוילן זיך אויפצוהויבן פון אָרט און זיין גרייט צו גיין ווייטער. ניט ווייט פון וועלדל איז געווען צו זען אַ פּויעריש הויז, און מיר האָבן געדאַרפט שטילערהייט זיך אַריינכאַפּן אין פּויערס שייער. אין דעם זעלבן הויז זיינען שוין מיט עטלעכע שעה פריער געבראַכט געוואָרן די קינדער.

מיר האָבן אַלץ בשלום אַדורכגעמאַכט אַזוי ,ווי עס איז געווען פּאָרויס־געזען. אָפּליגנדיק אַ ביסל צייט אין פינצטערן שייער, זיינען מיר דער־נאָך פון דאָרטן איינציקווייז אַריבער אין פּויערס שטוב. עס איז שוין גע־ווען שפּעט אינאָוונט, און מיר האָבן געפונען די קינדער פאַרזונקען אין טיפן שלאָף. ווער עס האָט געהאַט וואָס, האָט עפּעס צוגעביסן און מען האָט זיך אָוועקגעלייגט אויפן דיל צו כאַפּן אַ דרעמל. עס איז געווען אָנ־געזאָגט, אַז 12 אַזייגער ביינאַכט וועט מען דאַרפן אויפשטיין און אַדורכ־מאַכן דעם לעצטן עטאַפּ אויפן וועג פון גנבענען די גרענעץ.

די מענטשן, וואָס האָבן ניט געהאַט מיט זיך קיין קליינע קינדער, האָבן געזאָלט שוואַרצן די גרענעץ דורך די אַרומיקע גאַנץ הויכע בערג, וואָס טיילן אָפּ אין יענעם אָרט אונגאַרן פון עסטרייך. פאַר די משפחות מיט קליינע קינדער איז געווען פאָרויסגעזען אַ לייכטערער וועג, אויסמיידנ־דיק די בערג, אָבער דערפאַר אַ לענגערער און אין אַ געוויסן זין אַ מער־ריזיקאַלישער.

עס איז אָבער ביי אונדז אַנטשטאַנען אַ וויכטיקע פראַגע: ווי אַזוי טראָגט מען גלייכצייטיק אי דעם שווערן רוקזאַק מיט ברויט און אַנדערע זאַכן, אי דאָס קינד? אין גרויס איילעניש האָבן מיר פון האַנטיכער צו־נויפגענייט אַ מין לייוונטענעם שטולכל, אויף וועלכן מען זאָל קענען אַרויפ־זעצן דאָס קינד און זאַלבעצווייט עס טראָגן.

אַז דער זייגער איז געוואָרן צוועלף, זיינען אַלע אויפגעשטאַנען. אין גרויס איילעניש האָט מען אויפגעוועקט די שלאָפנדיקע קינדער, זיי אויס־געטשוכעט פון שלאָף, אָנגעטאָן און געוואַרט אויפן צייכן, אַז מען הייבט אָן צו גיין. מיר האָבן זיך געזעגנט מיט די מענטשן, וואָס האָבן געדאַרפט גיין דורך די בערג, און איינע די אַנדערע זיך געוואונטשן בשלום אַדורכ־צומאַכן דעם באַפאָרשטייענדיקן שווערן נסיון.

עס איז געווען אַ ליכטיקע און קילע אויגוסט־נאַכט. די פולע לבנה האָט מיט אַ שפע פון מאַטאָווע זילבער־ליכט באַלויכטן דעם גאַנצן אַרום, וואָס איז געווען פאַרזונקען אין אַ בראשיתדיקער שטילקייט. פאָרויס איז געגאַנגען אונדזער גוישער וועג־פירער און הינטער אים זיינען אין אַ לאַנגער ריי, ווי אין אַ קאַראַוואַן, איינציקווייז נאָכגעגאַנגען די מענטשן.

אונדזער וועג האָט זיך געשלענגלט דורך זייטיקע סטעזשקעס איבער גערטנער און סעדער, איבער פעלדער און וועלדער. מען האָט געבראָדזשעט אין הויכן, נאַסן גראָז און אָנגעשעפּט פולע שיך מיט וואַסער. די הויט פון די הענט און פון פנים איז געוואָרן צעדראַפּעט ביים מאַכן זיך אַ וועג דורך שטעכיקע קוסטעס און צווייגן פון ביימער. דער וועג־פירער האָט גע־שטעלט גיכע טריט און יעדער איינער האָט זיך געמיט ניט אָפּצושטיין פון איבעריקן עולם. מעשה נס האָבן די קינדער זיך פאַרהאַלטן רואיק, ניט געוויינט און ניט פאַרשאַפט קיין זאָרג די דערוואַקסענע. אויף די גלאַטערע ערטער זיינען די קינדער געגאַנגען צופוס און געגעבן די עלטערן אַ געלעגנהייט אַ ביסל לייכטער דורכצומאַכן דעם וועג.

זיך ניט אָפּשטעלנדיק אויף קיין מינוט, האָבן מיר געמאַרשירט אַלץ מער פאָרויס און פאָרויס. מיר זיינען שוין געווען גוט מיד, אָבער דער אימפּעט האָט אָנגעהאַלטן און אונדז צוגעגעבן כוח צו גיין ווייטער.

נאָכן אָפּגיין אַ פּאָר שעה, האָט די נאַכט־פינצטערניש גענומען ווערן בלייכער. אַז עס האָט אָנגעהייבן ביסלעכווייז אויסצוטאָגן, האָט דער וועג־פירער אונדז געמאָלדן, אַז מיר זיינען שוין אַריבער די גרענעץ און אַז זיין אויפגאַבע איז דערמיט פאַרענדיקט. ער וועט צוריקקערן אַהיים און מיר זאָלן גיין אַזוי לאַנג, ביז מיר וועלן קומען צו אַ דאָרפישן ישוב, וואָס געפינט זיך שוין אויף דער עסטרייכישער זייט.

ערשט איצט האָבן מיר זיך אויף אַ ווײַלע אָפּגעשטעלט און האָבן אָפּגעכאַפּט דעם אָטעם. יעדער איינער האָט זיך געפילט אויסערסט גליק־לעך. מען האָט זיך אָפּגעגעבן מזל־טוב, געפאַלן קושן איינע די אַנדערע און געדאַנקט גאָט, אַז ענדלעך איז איינמאָל פאַר אַלע מאָל געלונגען זיך אַרויסצורייסן פון יענע לענדער, וואָס זיינען באַהערשט פון די רוסן און עס איז געווען אַ סכנה צו ווערן פאַרכאַפּט פון זיי. מען האָט געהאָפט, אַז איצט, דערגרייכנדיק די מקומות, וואו די ענגלענדער און אַמעריקאַנער האָבן די שליטה, וועט זיין מעגלעך פאַר יעדן איינעם צו פאַרווירקלעכן זיין לאַנג־יאָריקן טרוים פון אָנקומען צו די קרובים אין אויסלאַנד.

דער וועג צום דאָרפישן ישוב האָט שוין לאַנג ניט געדויערט. ווען

מען גנבעט די גרענעץ דורך א וואַלד

מיר זיינען אָנגעקומען אַהין, האָבן באַלד דאָרטן אויך גענומען אָנקומען די מענטשן, וואָס האָבן געשוואַרצט די גרענעץ דורך די בערג. ווידער איז די שמחה געוואָרן גרויס. מען האָט זיך געטיילט מיט די איינדרוקן און איבערלעבונגען ביים גנבענען די גרענעץ. די שטימונג איז געווען אַן אמת יום־טובדיקע. מען האָט פאַרגעסן די מידקייט און מען האָט זיך געפילט שטאַרק אויפגעלייגט ווי זעלטן־ווען אין פאַרלויף פון די לעצטע שווערע יאָרן.

16טער קאַפּיטל

אין גראַץ

אויפן וועג קיין גראַץ. — אונרא־לאַגער פאַר „אויסגעוואָרצלטע פערזאָנען". — מיר שלאָפן אויף האַרטע טישן אָן שטרויזעק. — מען קאָכט פאַר אונדז עסנס אין גאַנצן אָן זאַלץ. — ימים־נוראים אין לאַגער. — פון וואַלגערן זיך אין שמוץ קריגן מיר עקזעמעס. — מיין פרוי ווערט קראַנק אויף בויךטיפוס. — טעטיקייט פון יידישן לאַגער־קאָמיטעט. — אינטענסיווע קולטור־אַרבעט. — קאַמף קעגן שוואַרץ־האַנדל. — ענגלישע און עסטרייכישע פאָליציי מאַכן אָן איבערפאַל אויף די יידישע בלאָקן אין לאַגער. — עסטרייכישע אַנטיסעמיטן הייבן אויף דעם קאָפּ.

עס איז געווען אַ געוויינלעך דאָרפיש הויז, וואו מיר האָבן געפונען אונדזער אָפּרו גלייך נאָכן אַרויפשטעלן אונדזערע ערשטע טריט אויף דער ענגלישער זאָנע פון עסטרייך. די עסטרייכישע פויערים זיינען געווען גאַנץ פריינדלעכע מענטשן. זיי האָבן פאַר געלט אונדז פאַרקויפט אַ ביסל לעבנסמיטל, דערלויבט זיך אַרומצווואַשן און אויסצורוען זיך נאָך די אַלע מאַטערנישן ביים שוואַרצן די גרענעץ.

אין עטלעכע שעה אַרום זיינען מיר שוין געפאָרן אויף פויערשע פורן צו דער נאָענטסטער באַן־סטאַנציע, פון וואַנען מיר האָבן געזאָלט פאָרן קיין גראַץ. עס איז געווען אַן אָנגענעמער און זוניקער טאָג פון סוף אויגוסט 1945. לאַנגזאַם האָבן אונדזערע פורן זיך באַוועגט אויפן אָנגעשאָטענעם ערד־וועג, און מיר האָבן געהאַט אַ געלעגנהייט צו באַטראַכטן די עסטרייכישע לאַנדשאַפטן.

פאַרנאַכט זיינען מיר שוין געזעסן אין צוג אויפן וועג קיין גראַץ. ניט ווייט פון גראַץ האָט זיך געפונען אַ יידישער לאַגער, און מיר האָבן באַשלאָסן זיך אָפּצושטעלן צו נעכטיקן אין אָט דעם לאַגער, איידער מיר פאָרן אַריין קיין גראַץ. אין לאַגער איז געווען אַ היפּשע צאָל וואַנדערנדיקע יידן. מיר האָבן מיט זיי געשמועסט און זיך דערוואוסט וועגן די באַדינגונגען אין די אַרומיקע לאַגערן. אינדערפרי זיינען מיר אַרויסגעפאָרן קיין גראַץ.

דער גראַצער לאַגער איז ניט געווען קיין ריין־יידישער און אין אים

האָבן זיך געפונען אַחוץ יידן אויך אַנדערע „אויסגעוואָרצלטע פּערזאָנען״, ווי מען האָט אָפיציעל אַ נאָמען געגעבן די היימלאָזע פּליטים פון נאָך דער צווייטער וועלט־מלחמה. דאָס זיינען געווען פּאָליאַקן, אוקראַינער, יוגאָסלאַוון, ליטווינער, לעטן, עסטן און אַנדערע כלומרשטע „קרבנות״ פון נאַצי־רעזשים. די יידן האָבן געלעבט אין באַזונדערע בלאָקן. בראש פון לאַגער איז געשטאַנען אַן ענגלישער אָפיצער, וואָס האָט געהאַט אין זיין רשות אַ גאַנץ גרויסן פּערסאָנאַל. אין די אַלע ביוראָען, אין קיך, אין דער לאַגער־פּאָליציי אאַז״וו זיינען געווען באַשעפטיקט אויסשליסלעך גויים, בפרט פּאָליאַקן און יוגאָסלאַוון. יידן האָבן צו דעם ניט געהאַט קיין דריסת־הרגל. אויסגעהאַלטן געוואָרן איז דער לאַגער פון דער נאָך־מלחמהדיקער אינטערנאַציאָנאַלער הילפס־אָרגאַניזאַציע „אונרא״.

אָנגעקומען אין לאַגער זיינען מיר זונטיק, ווען אַלע ביוראָען זיינען געווען געשלאָסן. מען האָט פּאַר אונדזער גרופּע צוגעטיילט אַ צימער, וואו עס האָבן זיך געפונען נאָך טישן און שטולן. קיין בעטן צום שלאָפן זיינען ניט געווען. אַז עס איז געקומען די נאַכט, האָבן מיר געמוזט זיך לייגן שלאָפן אויף די האַרטע טישן אָן אַ שטרוי־זאַק אָדער עפּעס צודעקנס. ניט פאַר אַלעמען זיינען געווען גענוג טישן, און פיל מענטשן האָבן געמוזט זיך לייגן אויפן האַרטן דיל.

די ערשטע נאַכט אין גראַצער לאַגער איז געווען אַן אמתע אָפּקומע־ניש. מיר האָבן געפּרואווט זיך טרייסטן, אַז דאָס איז מסתמא דערפאַר, וואָס מיר זיינען אָנגעקומען אין לאַגער אין אַ זונטיק־טאָג. אויף מאָרגן וועט מען אויך אונדז אוודאי זען איינצואָרדענען ניט ערגער ווי די „אַלטע״ לאַגער־תושבים, האָבן מיר געטראַכט. אונדזערע האָפענונגען האָבן אָבער, ליידער, זיך ניט באַרעכטיקט. דער לאַגער איז געווען איבערפולט מיט פּליטים און מיר האָבן געמוזט בלייבן אין זעלבן צימער אויך אויף ווייטער.

די באַשפּייזונג אין לאַגער איז געווען זייער אַ מאָגערע און מען האָט געמוזט צוקויפן עסן אויפן שוואַרצן מאַרק צו גאַנץ הויכע פּרייזן. אָבער אַפילו דעם זעלבן מאָגערן „מיטאָג״, וואָס איז באַשטאַנען פון אַ ביסל געמיזע־זופּ, האָט מען ניט געקענט עסן, ווייל צוליבן מאַנגל אין זאַלץ האָט מען די עסנס געקאָכט אין גאַנצן אָן זאַלץ און מען האָט עס פּשוט ניט געקענט נעמען אין מויל.

די לאַגער־־אַדמיניסטראַציע האָט געטענהט, אַז זי האָט ניט קיין זאַלץ און זי קען גאָרניט טאָן וועגן דעם. אַ ביסל זאַלץ איז געווען מיט גאָלד צוגלייך און מען האָט עס געקענט שווער קריגן אַפילו אויפן שוואַרצן מאַרק.

ערשט ווען די לאַגער־מענטשן האָבן געהאַט געסטראַשעט מיט אַ הונגער־שטרייק, האָט עס געהאַט אַ שטיקל ווירקונג. עס האָט אין קיך זיך „איינגעפונען" אַ ביסל זאַלץ, אָבער נאָר פון יוצא וועגן, עס זאָל ניט קומען צו קיין רעוואָלט. שפּעטער־צו איז דער זאַלץ־קריזיס געוואָרן געלייזט און עס איז געווען גענוג זאַלץ פאַרן לאַגער.

* * *

עס האָבן זיך דערנענטערט די טעג פון ראש־השנה תש"ו. פאַרן גרעסטן טייל לאַגער־יידן איז עס געווען דער ערשטער ראש־השנה נאָך דער באַפרייאונג פון נאַצי־גיהנום. מענטשן זיינען געוואָרן ערנסטער ווי געוויינלעך. מען האָט געפּרואווט אויף אַ ווייַלע פאַרגעסן די טאָג־טעגלעכע דאגות און אַריינלעבן זיך אין דער פייערלעך־ערנסטער שטימונג פון ימים־נוראים. יידן האָבן גענומען זאָרגן וועגן איינאָרדענען מנינים צו דאַוונען בציבור. עס האָבן זיך איינגעפונען חזנים, בעלי־תפילות, בעלי־תקיעות און אַנדערע מומחים פון ימים־נוראים צערעמאָניאַל.

עפּעס מער ווי אַלע מאָל זיינען אין די טעג פאַר די אויגן געשטאַנען די געשטאַלטן פון די אומגעקומענע קרובים, פריינד און באַקאַנטע. מען האָט זיך דערמאָנט די ימים־טובים אין די אַמאָליקע היימען, וואָס זיינען חרוב ומוחרב געוואָרן. כלומרשט פאַרהיילטע וואונדן פון די שרעקלעכע יאָרן האָבן מיטאַמאָל ווידער זיך געעפנט. דאָ און דאָרט האָט מען גע־קענט זען ווי מענטשן פאַרגיסן טרערן זיך גרייטנדיק צום יום־טוב.

נאָך ראש־השנה האָט מען אונדזער גרופּע אַריבערגעפירט אין אַן אַנדער צימער. דער גרעסטער טייל מענטשן האָט שוין געהאַט בעטלעך צו שלאָפן. די איבעריקע האָבן נאָך געמוזט שלאָפן אויף טישן. כמעט אַלע האָבן געהאַט שטרוי־זעק און דאָס איז געווען אַ גרויסע דערגרייכונג.

פון וואַלגערן זיך חדשים לאַנג אין שמוץ און אין אַנטי־היגיענישע באַדינגונגען, האָבן כמעט אַלע פון אונדזער גרופּע געליטן פון עקזעמעס (הויט־אויסשלאַג). בייטאָג איז נאָך געווען צו דערליידן. די צרות פון דער הויט־בייסעניש פלעגן זיך אָנהייבן ביינאַכט, ליגנדיק אויפן געלעגער. מענטשן האָבן זיך אָנגעקראַצט וואונדן אויפן לייב. אַ ביטערער רחמנות איז געווען אויף די קינדערלעך. זיי פלעגן ביינאַכט ניט קענען שלאָפן צוליב דער בייסעניש. מען האָט אַ לענגערע צייט געמוזט באַנוצן כלערליי זאַלבן, ביז מען איז פּטור געוואָרן פון דער אָנשיקעניש.

אין אַ קורצער צייט אַרום נאָך אונדזער קומען קיין גראַץ האָט מיין

פרוי גאַנץ אומגעריכט זיך גענומען פילן ניט מיט אַלעמען. לכתחילה האָבן מיר געמיינט, אַז דאָס איז עפּעס אַ פאַרבייגייענדיקע קראַנקייט. ווען די טעמפּעראַטור האָט אָבער גענומען שטייגן אַלץ העכער, איז זי אַריינגענומען געוואָרן אין לאַגער־שפּיטאָל אויף אַ מעדיצינישער אונטערזוכונג. אַרויס־געוויזן האָט זיך, אַז זי איז קראַנק געוואָרן אויף בויך־טיפוס, און זי איז תיכף אַריבערגעפירט געוואָרן אין גראַצער קראַנקנהויז פאַר אַנשטעקנדיקע קראַנקייטן.

אַ שטאַרק־פאַרצווייפלטער בין איך געבליבן אין לאַגער מיט אונדזער פיר־יאָריקן טעכטערל. אַחוץ די אַלע ביז־איצטיקע זאָרג איז מיטאַמאָל צוגעקומען די ערנסטע קראַנקייט פון דער פרוי. צום גליק האָט די קראַנקייט געטראָגן ניט קיין שטרענגן כאַראַקטער און די דאָקטוירים האָבן געגעבן גוטע האָפענונגען, אַז זי וועט די קראַנקייט קענען אַריבער־קומען בשלום.

צוליבן מאַנגל אין לעבנסמיטל האָבן די קראַנקע אין שפּיטאָל באַ־קומען זייער ווייניק עסן און איך האָב געמוזט יעדן טאָג עפּעס ברענגען פאַר דער פרוי. אַ שווערע פּראָבלעם איז געווען צו באַזאָרגן ווערמוט־ווײַן, וואָס איז נייטיק געווען פאַר דער פרויס קוראַציע. אַ פלאַש אַזעלכע ווײַן האָט אויפן שוואַרצן מאַרק געקאָסט אַ סך געלט. גוטע פריינד האָבן גע־האָלפן מיט וואָס זיי האָבן געקענט און אַלץ, וואָס איז נייטיק געווען, איז געוואָרן באַזאָרגט.

ווען די פרוי איז געלעגן אין שפּיטאָל, איז מיטאַמאָל אויך קראַנק געוואָרן אונדזער קינד. זי האָט באַקומען הויכע טעמפּעראַטור און דאָס האָט מיך שטאַרק באַאומרואיקט. גלייכצייטיק מיט אונדזער קינדס קראַנק ווערן איז אויך קראַנק געוואָרן דאָס קינד פון אונדזערע באַקאַנטע, וואָס זיינען געפאָרן צוזאַמען מיט אונדז אין דער גרופּע. עטלעכע טעג האָבן מיר זיך געפּלאָגט מיט די קראַנקע קינדער ניט מעלדנדיק וועגן דעם אין דער לאַגער־אַמבולאַטאָריע. מיר האָבן מורא געהאַט, אַז ביז וואָס ווען זאָל מען דערוויל ניט פאַראָרדענען אוועקצונעמען די קינדער ערגעץ־וואו אין אַ שטאַטישן שפּיטאָל. פון אַלץ צוזאַמען האָבן קיין צרות ניט געפעלט...

זעענדיק, אַז די קינדער ווערן ניט בעסער, האָבן מיר באַשלאָסן דאָך זיי צו לאָזן אונטערזוכן אין דער לאַגער־אַמבולאַטאָריע. דאָרטן האָבן די דאָקטוירים ניט געקענט פעסטשטעלן וואָס זיי איז, און מיר האָבן ביי זיי געפועלט, מיר אַליין זאָלן די קינדער אַוועקפירן אויף אַ מעדיצינישער אונטערזוכונג אין גראַצער אוניווערסיטעט־אַמבולאַטאָריע. די דאָזיקע אַמ־

בולאַטאָריע האָט זיך געפונען אַ פּאָר קילאָמעטער פון לאַגער און מיר האָבן אויף זיך אַהין אַוועקגעטראָגן די קינדער. אויך דאָרטן האָבן זיי ניט געקענט גלייך אויף אַן אָרט דערגיין, וואָס זיי איז, און מיר האָבן ווידער גע־דאַרפט זיי ברענגען אַהין אין עטלעכע טעג אַרום. דערווייל זיינען די קינדער געוואָרן בעסער און פאַר די יידן אין לאַגער זיינען אָנגעקומען זייער שטורמישע געשעענישן (געוויער וועגן דעם — שפּעטער).

* * *

אין גראַצער לאַגער איז געווען טעטיק אַ יידישער קאָמיטעט, וואָס איז צווישן עולם געווען באַקאַנט מיטן העברעאישן נאָמען מזכירות (סעק־רעטאַריאַט). די אויפגאַבע פון דער מזכירות איז געווען צו פאַרטרעטן די אינטערעסן פון די יידישע פּליטים לגבי דער ענגלישער לאַגער־אַדמי־ניסטראַציע, ווי אויך אויפצופּאַסן אויף דער אָרדענונג אין די יידישע בלאָקן. די מיטגלידער פון קאָמיטעט זיינען געוואָרן אויסגעווילט אויף אַן אַלגעמיינער פאַרזאַמלונג פון אַלע פּליטים.

בראש פון דער מזכירות איז געווען אַ קאָוונער יונגערמאַן, אינזשינער באָגריאַנסקי, וואָס האָט די נאַצי־יאָרן אַדורכגעמאַכט אין ווילנער געטאָ. באַפרייט איז ער געוואָרן פון די רוסן און איז שפּעטער אַוועק פון ליטע מיטן בריחה־שטראָם.

באָגריאַנסקי איז געווען אַן אַסימילירטער יידישער אינטעליגענט און האָט ווייניק זיך אָריענטירט אין יידישע פּראָבלעמען. ער האָט אָבער פאַרמאָגט גוטע אָרגאַניזאַטאָרישע פעאיקייטן און איז דערפאַר אַוועקגע־שטעלט געוואָרן בראש פון יידישן לאַגער־קאָמיטעט. דער שרייבער פון די שורות איז אויך געווען אַ מיטגליד פון דער מזכירות און האָט מיט־געהאָלפן אין דער אַרבעט.

אַחוץ פאָרשטייער פון די לאַגער־יידן זיינען אין דער מזכירות אויך געווען פאַרטראָטן איניקע ארץ־ישראלדיקע חיילים, וואָס זיינען געווען טעטיק אין דער בריחה־באַוועגונג. דאָס זיינען געווען זייער רירעוודיקע און ענערגישע יונגעלייט, וואָס האָבן ביים באַהאַנדלען די פאַרשיידענע ענינים פון קאָמיטעט געגעבן דעם טאָן פון דער אַרבעט. מיר האָבן מיט זייער מיינונג זיך שטאַרק גערעכנט.

דער קאָמיטעט האָט געהאַט איינגעשטעלט אַ פּלאַן פון קולטור־אַרבעט פאַרן לאַגער־עולם. מען האָט איינגעאָרדנט לעקציעס, קאָנצערטן, פאַר־ווילונג־אָוונטן אאַז״וו. אַ גאָר גרויסן דערפאָלג האָבן געהאַט די קאָנ־

צערטן פון באַרימטן ווילנער חזן יוסף איידלסאָן, וואָס איז געווען אין לאַגער. ער האָט באַגײַסטערט די צוהערערס מיט זיין חזנות ווי אויך מיט זיין זינגען יידישע און העברעאישע פאָלקס־לידער. אויך די אַנדערע אַרטיסטישע און מוזיקאַלישע כוחות האָבן אויסגענומעןביים עולם, בפרט די אויפטריטן פון דער ווילנער פּיאַניסטין פרוי גערשטין.

די מזכירות האָט אויך געהאַט זייער פיל צו טאָן מיטן אויפפּאַסן אויפן סאַניטאַר־היגיענישן מצב אין די יידישע בלאָקן. דאָס איז געווען גאָרניט קיין לייכטע אויפגאַבע, ווייל דער לאַגער איז געווען שטאַרק איבערפולט מיט מענטשן און ביים בעסטן ווילן איז שווער געווען צו רעגולירן די דאָזיקע פראַגע. דער ענין ריינקייט איז אָבער געווען נאָך מער קאָמפּליצירט, ווייל אין לאַגער זיינען אויך געווען מענטשן, וואָס האָבן אַרויסגעוויזן ווייניק פאַרשטענדעניש און אָפּטמאָל אַפילו הפקרות אין פּרט פון אָפּהיטן די אַלגעמיינע היגיענישע פאָדערונגען אין די טואַלעטן, אין די וואַש־צימערן אאַז״וו. קעגן די דאָזיקע עלעמענטן האָט מען געדאַרפט קעמפן מיט פאַרשיידענע דערציערישע און דיסציפּלינאַרע מאָסמיטלען.

גאָר אַ סך זאָרג האָט דעם קאָמיטעט פאַרשאַפט דער קאַמף קעגן שוואַרץ־האַנדל אין לאַגער. דאָ איז ניט געווען די רייד וועגן די אומלעגאַלע שפּייז־קרעמלעך, וואו מען האָט געקענט באַקומען צו קויפן אַ שטיקל חלה, אַ ביסל צוקער, אַ שטיקל פּוטער און אַנדערע פּראָדוקטן צו פרייזן פון שוואַרצן מאַרק. עס האָט זיך געהאַנדלט וועגן אַ גוט־אָרגאַניזירטער גרופּע וואַלוטע־ספּעקולאַנטן, וואָס האָבן אויסגענוצט דעם לאַגער ווי אַן עיר מקלט פאַר זייערע ריזיקע געלט־ספּעקולאַציעס.

עס איז יעמאָלט אָנגעגאַנגען אַ געלט־שמוגל מיט אונגאַרישע פּענגאָס, איטאַליענישע לירעס, אַמעריקאַנער דאָלאַרן, עסטרייכישע גילדנס, שווייצאַרישע פראַנקן און אַנדערע וואַלוטעס. עס איז אַפילו געשאַפן געוואָרן אַן אייגנאַרטיקער וואַלוטע־זשאַרגאָן, וואָס איז געווען שטאַרק פּאָפּולער צווישן די ספּעקולאַנטן. אַזוי, אַ שטייגער, האָט מען מיטן וואָרט „ווייכע" באַצייכנט אַמעריקאַנער פּאַפּיר־געלט; „האַרטע" האָט געמיינט אַמעריקאַנער און אַנדערע גאָלדענע מטבעות; רוסישע גאָלדענע צען־רובלדיקע האָט מען גערופן „חזירימלעך" אאַז״וו.

אין גראַצער לאַגער האָט זיך געפונען דער צענטער פון די יעניקע וואַלוטע־שמוגלערס, וואָס האָבן געפירט זייער מסחר מיט אונגאַרן און איטאַליע, און גראַץ איז פאַר זיי געווען אַ זייער באַקוועמער פאַרבינדונגפונקט. באַטראָפן האָט דער וואַלוטע־האַנדל אין די מיליאָנען. אַ געלונ־

גענער „טור״ פון גראַץ קיין בודאַפּעסט און צוריק, אָדער פון גראַץ אין אַן איטאַליענישער שטאָט און צוריק, האָט דעם וואַלוטע־ספּעקולאַנט אַריינ־געטראָגן אַ גאַר גרויסע סומע געלט. עס איז געווען, וואָס עס זאָל אָנלאָקן צו מאַכן אַזאַ ריזיקאַלישע נסיעה.

דער קאָמיטעט האָט גאַנץ גוט געוואוסט, אַז די דאָזיקע ספּעקולאַנטן זיינען אַ סכנה פאַר די איבעריקע לאַגער־יידן, וואָס קענען צוליב זיי שטאַרק ליידן. בפרט איז די לאַגע געוואָרן זייער ערנסט, ווען דער ענגלישער לאַגער־פירער האָט אין אַ שטרענגן טאָן מערערע מאָל וועגן דעם גע־וואָרנט דעם קאָמיטעט. אויף אַלגעמיינע פאַרזאַמלונגען, צונויפגערופענע פון קאָמיטעט, האָט מען אויפגעפאָדערט די ספּעקולאַנטן פרייוויליק צו פאַר־לאָזן דעם לאַגער. זיי האָבן אָבער זיך ניט גערירט פון אָרט, ווייל דאָ האָבן זיי זיך געפילט זיכערער ווי אין פּריוואַטע וואוינונגען אין שטאָט.

אגב איז אינטערעסאַנט צוצוגעבן, אַז ווען דער קאָמיטעט האָט געהאַט פּראָקלאַמירט צווישן די לאַגער־יידן אַ הילף־אַקציע פאַר די נויטבאַדערפטיקע פּליטים, האָבן מערערע ספּעקולאַנטן געהאַט פאָרגעשלאָגן צו געבן גרע־סערע סומעס געלט, מיט דער כוונה אַ ביסל צו נייטראַליזירן די פיינדלעכע שטימונג קעגן זיי. מען האָט אָבער פון זיי קיין געלט ניט געוואָלט נעמען.
פון טאָג־צו־טאָג האָבן אַלע אַלץ מער געפילט בחוש, אַז עס דער־נענטערט זיך אַ שטורעם. לאַנג וואַרטן אויף דעם איז ניט אויסגעקומען.

* * *

געווען איז עס דעם 11טן אָקטאָבער, 1945, אַזייגער זעקס־זיבן אינ־דערפרי, ווען די לאַגער־מענטשן האָבן נאָך געהאַלטן אין אויפשטיין, זיינען צום לאַגער אָנגעקומען מאָטאָריזירטע ענגלישע מיליטער־פּאָליציסטן צו־זאַמען מיט אַ גרופּע פון עטלעכע הונדערט עסטרייכישע פּאָליציאַנטן. זיי זיינען אַלע געווען באַוואָפנט מיט אויטאָמאַטישן געווער און האָבן כהרף עין באַזעצט די בלאָקן, וואו עס האָבן זיך אויפגעהאַלטן די יידן.

אין די קאָרידאָרן איז אַוועקגעשטעלט געוואָרן אַ וואַך, וואָס האָט קיינעם ניט אַרויסגעלאָזן פון די צימערן. דערנאָך זיינען זיי צוגעטראָטן צו זוכן און צו נישטערן אין אַלע ווינקעלעך פון די וואוין־צימערן. די פרויען זיינען אַוועקגענומען געוואָרן אין אַ באַזונדערן אָרט, וואו עסטרייכישע פרויען־פּאָליציסטינס האָבן זיי געצוואונגען זיך אויסצוטאָן מוטער־נאַקעט און זיך לאָזן אונטערזוכן, צי זיי האָבן ניט פאַרשטעקט וואַלוטע אָדער אַנדערע ווערט־זאַכן.

נאָכדעם ווי די מענטשן זיינען גרינדלעך אונטערזוכט געוואָרן, האָבן די איבערפאַלער גענומען אויפרייסן די שטרוי־זעק, פונאַנדערוואַרפן די זאַכן אין די רוקזעק, טשעמאָדאַנעס אאַז״וו. די באַנעמונג צו די יידן איז געווען אַ ברוטאַלע. אויף די פּנימער פון די עסטרייכישע פּאָליציסטן איז געווען אויסגעגאָסן אַ געוואַלדיקע צופרידנקייט, וואָס זיי האָבן זוכה געווען אַזוי גיך צו דערלעבן אַזאַ זיסע נקמה אָן די „פערפלוכטע יודען״. דאָס האָט מער ווי אַלץ וויי געטאָן אין דער גאַנצער וואַקכאַנאַליע.

די, ביי וועמען מען האָט געפונען גרעסערע סומעס געלט, זיינען אַרעס־טירט געוואָרן און מען האָט זיי שפּעטער אָפּגעפירט אין די עסטרייכישע פּאָליציי־קוואַרטירן. די אַלע אַנדערע זיינען אויפגעפּאַדערט געוואָרן תיכף איינצופּאַקן די זאַכן און אַרויסגיין אויפן הויף, וואו עס זיינען שוין געווען גרייט מיליטערישע לאַסט־אויטאָס זיי אָפּצופירן צו דער באַן־סטאַנציע, פון וואַנען מען האָט זיי געפירט קיין טראַפּייעך, אַ שטעטל אין די עסטרייכישע אַלפּן־בערג. טראַפּייעך האָט זיך געפונען אַ פּאָר הונדערט קילאָמעטער ווייט פון גראַץ און דאָרטן איז געווען אַ גרעסערער לאַגער פאַר יידישע פּליטים.

עטלעכע שעה האָט געדויערט דער פּאָליצייאישער איבערפאַל אויף די יידישע בלאָקן. אַלץ האָט דערמאָנט אָן די טרויעריק־באַרימטע נאַצישע „אַק־ציעס״ אין די געטאָס. די שטימונג ביים עולם איז געווען אַ שוידערלעכע. מען איז געווען זייער פאַרביטערט און אינערלעך טיף באַליידיקט. קיינער האָט זיך ניט געקענט פאַרשטעלן, אַז אַזאַ זאַך וועט פּאַסירן מיט יידן בסך הכל אין עטלעכע חדשים אַרום נאָך זייער באַפרייאונג פון די היטלערישע קאַצעטן.

נאָכדעם ווי די יידן זיינען מיט גוואַלד אַרויסגעפירט געוואָרן פון לאַגער, האָבן די יוגאָסלאַוון, פּאָליאַקן, באַלטן און אַנדערע „קרבנות פון נאַצי־רע־זשים״ זיך אַריינגעריסן אין די יידישע בלאָקן און ווי רויב־פויגלען גע־נומען פּלינדערן דאָס פאַרבליבענע יידישע האָב־ און גוטס. נאָך דעם אַלע־מען האָט אין די געוועזענע יידישע צימערן אויסגעזען ווי נאָך אַ פּאָגראָם. אויף די דילן אין די צימערן און אין די קאָרידאָרן האָבן זיך געוואַלגערט צעבראָכענע חפצים, פונאַנדערגעריסענע שטרוי־זעק, איבערגעקערטע שאַפן און בעטן אאַז״וו.

די עסטרייכער האָבן זיך באַמיט צו שלאָגן וואָס־מער אַנטיסעמיטישן קאַפּיטאַל פון דער גאַנצער מעשה. זייער פּרעסע איז אַרויס מיט אַ ויצעקו, אַז די יידן זיינען די הויפּט־שולדיקע אין אַלע זייערע צרות פון נאָך דער

מלחמה. צוליב זיי, די יידן, האָבן זיי ניט וואָס צו עסן, האָבן ניט וואָס אָנצוטאָן און מען מוז דעריבער וואָס־גיכער פּטור ווערן פון זיי. מען האָט צעפּויקט און צעטראָגן אויף טעלערלעך די סומע געלט, וואָס איז קאָנפיסקירט געוואָרן ביי די לאַגער־יידן. די אַנטיסעמיטיש־כוליגאַנישע עלעמענטן אין עסטרייך האָבן דערזען פאַר זיך אַ פּאַסיקע געלעגנהייט אַרויסצוגיין פון זייערע פאַרשטעקטע לעכער און פונדאָסניי אויפצוהייבן דעם קאָפּ.

17טער קאַפּיטל

מיר ווילן זיך אַרויסרייסן פון עסטרייך

יידישע פליטים ווילן דערגרייכן איטאַליע אָדער די אַמעריקאַנער זאָנע פון דייטשלאַנד. — מיר געפינען אַן אָפּדאַך אויף עטלעכע טעג אין אַן עסטרייכישער אַרבעטער־משפּחה. — אַ באַזוך אין יידישן לאַגער טראַפּייעך. — מיר לאָזן זיך פאַרן פון גראַץ קיין לינץ און ווערן פון ענגלישע גרענעץ־קאָנטראָליאָרן אַראָפּגענומען פון צוג. — ענגלישער מיליטער־גאָווערנאָר אין ליצען גיט אונדז אַ דערלויבעניש אַריבערצופאָרן אין דער אַמעריקאַנער זאָנע פון עסטרייך.

שוין מיט אַ געוויסער צייט פאַרן איבערפאַל אויף די יידישע בלאָקן אין לאַגער האָבן יידן געזען וואָס־גיכער זיך אַרויסצורייסן פון דער ענגלישער זאָנע אין עסטרייך. צוויי פונקטן האָבן שטאַרק אָנגעלאָקט די וואַנדער־יידן אויף זייער ווייטערדיקן בריחה־וועג: איטאַליע און די אַמעריקאַנער זאָנע פון דייטשלאַנד.

קיין איטאַליע האָט מען געוואָלט פאָרן צוליב עטלעכע טעמים: ערשטנס, האָט מען געהאָפט, אַז פון דאָרטן וועט מען קענען גיכער ווי עס איז זיך דערשלאָגן צו ארץ־ישראל — דער ענד־ציל פון דער איבערוועגנדיקער מערהייט בריחה־יידן; צווייטנס, האָט דאָ אויך געשפּילט אַ ראָלע דער פאַקט, וואָס די איטאַליענער באַציען זיך פריינדלעך צו די יידן; וואָס דאָס לאַנד פאַרמאָגט אַ מילדן קלימאַט, אַ שיינע נאַטור, אַ שפע פון דרום־פּרוכטן אאַז״וו.

די אַמעריקאַנער זאָנע אין דייטשלאַנד האָט, ווידער, געהאַט אירע צוציאונג־מאָמענטן. קודם כל האָט דאָ געווירקט דער פאַקט, וואָס סיי די אַמעריקאַנער אָקופּאַציע־מאַכט, און בעיקר אָבער די אַמעריקאַנער יידישע הילפס־אָרגאַניזאַציעס, ווי דער דזשאָינט און אַנד. באַזאָרגן די פליטים אין די לאַגערן מיט גוטע עסנס, גאַנצע בגדים און שיך, מעדיצינישער באַהאַנדלונג אאַז״וו. נאָך די אַלע גרויליקע איבערלעבונגען אין די היטלער־יאָרן און די מאַטערנישן אויף די וואַנדער־וועגן נאָך דער מלחמה, האָט מען זייער שטאַרק געבענקט נאָך אַ ביסל רו, נאָך אַ בעסערן ביסן, כדי מען זאָל קענען אַ ביסל קומען צו זיך.

בפרט האָט מען צווישן די פליטים שטאַרק גערעדט וועגן די גלענצנדיקע באַדינגונגען אין דער יידישער סאַנאַטאָריע אין סאַנט־אָטיליען, לעבן

מינכען, וואו די מענטשן באַקומען אַ זאָרגפעליקע מעדיצינישע באַהאַנד־לונג און אַ זייער נאַרהאַפטע באַשפּייזונג. פיל מענטשן האָבן דעריבער געשטרעבט זיך צו דערשלאָגן אַהין.

כדי צו דערגרייכן איטאַליע, האָט מען געדאַרפט שוואַרצן די עסט־רייכיש־איטאַליענישע גרענעץ. אין דעם פּרט זיינען שוין געווען „אויסגע־טראָטענע" וועגן און מענטשן האָבן זיך געלאָזן אויף זיי.

דורך בערג און דורך טאָלן

ערגער איז געווען מיטן דערגרייכן די אַמעריקאַנער זאָנע פון דייטש־לאַנד. פריער פאַר אַלץ האָט מען געדאַרפט קריגן אַ דערלויבעניש אַרי־בערצוגיין פון דער ענגלישער צו דער אַמעריקאַנער זאָנע פון עסטרייך. ערשט פון דאָרטן האָט מען געקענט ריידן וועגן אַריינכאַפּן זיך אין דער אַמעריקאַנער זאָנע פון דייטשלאַנד.

דאָס רעכט אַרויסצוגעבן דערלויבענישן פאַר ציווילע פערזאָנען אַרי־בערצוגיין פון איין עסטרייכישער זאָנע אין דער אַנדערער איז געלעגן אין די הענט פון דער עסטרייכישער פּאָליציי. מיט גרויסע שוועריקייטן איז אַ קליינער צאָל יידן געלונגען צו באַקומען אַזעלכע דערלויבענישן אין

דער גראַצער פּאָליציי. אָבער נאָך די געשעענישן אין לאַגער האָט די פּאָליציי אָפּגעשטעלט אַרויסצוגעבן יידן דערלויבענישן אַריבערצוגיין די זאָנע־גרענעץ. דאָס האָט געצוואונגען די מענטשן זיך צו לאָזן אויפן וועג פון שוואַרצן די גוט־באַוואַכטע גרענעץ צווישן די זאָנעס. יידן האָבן זיך אויך געווענדעט צו דער ענגלישער אָקופּאַציע־מאַכט צו באַקומען דער־לויבענישן. אין איינצלנע פאַלן זיינען אַזעלכע בקשות באַפרידיקט געוואָרן. מען איז געווען אַנטשלאָסן פאַר יעדן פּרייז אַוועקצוגיין פון דער ענגלישער זאָנע אין עסטרייך.

* * *

דעם טאָג, ווען עס איז פאָרגעקומען די צוואַנג־עוואַקואַציע פון די יידן פון גראַצער לאַגער, איז נאָך מיין פרוי געווען אין שפּיטאָל, וואו זי האָט געהאַלטן אין פאַרענדיקן איר קוראַציע פון בויך־טיפוס. מיט דער הילף פון אַ באַשייניקונג פון שפּיטאָל, אַז מיין פרוי געפינט זיך דאָרט אויף קוראַציע, איז מיר געלונגען אויסצופועלן ביי דער ענגלישער מיליטערי־שער פּאָליציי צו פאַרבלייבן מיטן קינד אין לאַגער, ביז די פרוי וועט צוריקקערן פון שפּיטאָל. אייניקע אַנדערע יידישע משפחות האָבן צוליב געוויסע סיבות זיך אויך אַרויסגעדרייט פון דער דעפּאָרטאַציע און זיינען געבליבן אין לאַגער. מיר, די אַלע „גליקלעכע", האָבן זיך אַריבערגע־קליבן אין איין צימער, כדי צו זיין צוזאַמען.

ווען מיין פרוי איז צוריקגעקומען פון שפּיטאָל, האָבן מיר גענומען שאַפן פּלענער ווי אַזוי וואָס־גיכער אַוועקצוגיין פון גראַץ. קודם־כל האָבן מיר געוואָלט פאַרלאָזן דעם לאַגער, וואו די פאַר פאַרבליבענע יידישע משפחות האָבן זיך געפילט ביז גאָר אומהיימלעך צווישן די ניט־יידישע די־פּיס. אַריבערצוגיין אין אַ פּריוואַטן האָטעל האָבן מיר ניט געהאַט קיין געלט, האָבן מיר געדאַרפט צו עפּעס אַנדערש זיך דערטראַכטן.

אונדז איז געקומען צו הילף די באַקאַנטשאַפט, וואָס מיין פרוי האָט געשלאָסן מיט אַן עסטרייכערין, מיט וועמען זי איז געווען צוזאַמען אין איין שפּיטאָל־צימער. מיין פרוי פלעגט איר אָפּט מכבד זיין מיט די שפּייז, וואָס איך פלעג איר ברענגען, און דערפון האָבן זיך צווישן זיי איינגעשטעלט פריינדלעכע באַציאונגען. אונדז איז דעריבער איינגעפאַלן אַ געדאַנק אויס־צונוצן די דאָזיקע באַקאַנטשאַפט און פועלן ביי אָט דער עסטרייכישער פרוי, וואָס איז פאַר דער צייט אויך געזונט געוואָרן און האָט פאַרלאָזן דעם שפּיטאָל, זי זאָל אונדז דערלויבן צו זיין ביי איר אין שטוב עטלעכע טעג,

ביז מיר וועלן געפינען אַ וועג ווי אַזוי אַוועקצוגיין פון גראַץ. צום גליק האָט זי אויף דעם מסכים געווען און מיר זיינען אַריבער פון לאַגער צו איר.

דאָס איז געווען אַן אָרעמע עסטרייכישע אַרבעטער־משפחה, און מיר האָבן זיך געפילט ביי זיי גאַנץ היימיש. זיי זיינען געווען זייער צופרידן פון אונדז, ווייל מיר האָבן זיך געטיילט מיט זיי מיט אונדזערע שפּייז־פּראָדוקטן — אַ זאַך, וואָס איז געווען זייער אַנגעלייגט ביי די עסטרייכער, וועלכע האָבן אויף די ראַציאָנירונג־קאַרטלעך באַקומען גאַר קליינע שפּייז־צוטיילונגען.

נאָכדעם ווי די פרוי און קינד זיינען אַ ביסל געקומען צו זיך פון זייערע קראַנקייטן, זיינען מיר געווען גרייט צו פאַרלאָזן גראַץ. צוערשט האָבן מיר געהאַט געמאַכט איניקע פּרואוון אין דער גראַצער פּאָליציי צו באַקומען אַ דערלויבעניש אַריבערצוגיין אין דער אַמעריקאַנער זאָנע פון עסטרייך, אָבער מיר האָבן עס ניט באַקומען. מיר האָבן דעריבער ניט געהאַט קיין אַנדער ברירה ווי זיך צו לאָזן אין וועג אַריין, ווי מען זאָגט, אויף גאָטס באַראָט.

אמת, מיר האָבן געהאַט ביי זיך „פּאַפּירלעך״, אַרויסגעגעבענע פון גראַצער יידישן לאַגער־קאָמיטעט, אַז איך, דער און דער, פאַר כלומרשט זוכן מיין „פרוי״ אין מינכען, און אַז מיין פרוי און טעכטערל פאַרן דאָרטן זוכן זייער „מאַן און טאַטן״. דאָס, וואָס מיר פאָרן צוזאַמען, האָט געדאַרפט זיין ניט מער ווי אַ פּשוטער צופאַל פון לחלוטין פרעמדע מענטשן, וואָס האָבן זיך באַקענט אונטערוועגס... אָבער מיר אַליין האָבן געהאַט זייער ווייניק אמונה אין דעם ווערט פון אַזעלכע „דאָקומענטן״ און „תירוצים״ אין פאַל פון אַ גרענעץ־קאָנטראָל.

אין איינעם אַ טאָג פון מיטן אָקטאָבער 1945 זיינען מיר געזעסן אין אַ פּול־געפּאַקטן צוג, וואָס האָט געדאַרפט אָפּגיין פון גראַץ קיין לינץ (אַמעריקאַנער זאָנע פון עסטרייך). ערשט האַרט פאַרן אָפּגיין פון צוג האָבן מיר דערהערט, אַז אַ ייד לויפט פאַרביי די וואַגאָנעס און רופט אויס מיין פאַמיליע־נאָמען. עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז מיינער אַ באַקאַנטער האָט פאַר מיר אַ גרוס, אַז אין לאַגער טראָפייעך, וואו מען האָט געהאַט פאַר־שלעפּט די יידן פון גראַץ, געפינט זיך פאַר מיין משפחה אַ „דאָקומענט״ פון מינכענער יידישן קאָמיטעט אַריינצוקומען אין דער אַמעריקאַנער זאָנע פון דייטשלאַנד. מיינער אַ באַקאַנטער פון מינכענער יידישן קאָמיטעט האָט עס געהאַט באַזאָרגט פאַר מיר.

די באַן האָט אָבער געהאַלטן ביים אָפּגיין און אין וואַגאָן איז געווען

אַזאַ ענגשאַפט, אַז מען האָט פשוט ניט געקענט זיך רירן פון אָרט און עס איז געווען אוממעגלעך צוצוקומען צו דער טיר. מיט גרויס מאַטערניש איז אונדז קוים געלונגען אַרויסצוקריכן דורך אַ וואַגאָן־פענצטער, איידער די באַן האָט גענומען אָפּגיין.

די באַן־נסיעה פון גראַץ קיין טראָפּייעך און צוריק האָט געדאַרפט געדויערן עפּעס מער ווי אַ מעת־לעת, און מיר האָבן פריער געדאַרפט אויף דער צייט באַזאָרגן אַן אָרט פאַר דער פרוי און קינד. גיין צו דער זעלבער עסטרייכישער משפחה איז אונדז געווען אומאַנגענעם, האָבן מיר אויסגעזוכט אין שפּיטאָל־ביוראָ דעם אַדרעס פון אַ צווייטער שפּיטאָל־באַקאַנטער פון מיין פרוי. אויך זי האָט פריינדלעך מסכים געווען אונדז אויפצונעמען אויף אַ טאָג־צוויי, ביז מיר וועלן אָפּפאָרן פון גראַץ.

אין טראָפּייעך איז, ווי געזאָגט, געווען אַ גרויסער יידישער לאַגער. גייענדיק פון דער באַן־סטאַנציע צום לאַגער, אַ מהלך פון אַ פּאָר קילאָ־מעטער, האָט ניט ווייט פון לאַגער מיר אַ שלאָג געטאָן אַ ריח פון פוילעניש. עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז אין די היטלער־יאָרן איז אויפן זעלבן אָרט, וואו דער לאַגער געפינט זיך, געווען אַ קאַצעט, אין וועלכן עס זיינען פאַר־פייניקט געוואָרן צום טויט אַ סך געפאַנגענע. די מתים האָט מען געהאַט באַגראָבן האַרט לעבן לאַגער, און דער ריח נעמט זיך פון די ניט־גוט פאַרשאָטענע מאַסן־קברים.

אין לאַגער האָט מען מיר דערציילט, אַז ס'רוב באַראַקן זיינען גע־בליבן כמעט אין זעלבן צושטאַנד ווי אין די צייטן פון קאַצעט. די באַראַקן זיינען טאַקע געווען שטאַרק אָפּגעלאָזן און שמוציק. די צימערן זיינען קיינמאָל ניט געווען געקאַלכט אָדער געפאַרבט. די פאַררייכערטע ווענט, די צוויי־שטאָקיקע הילצערנע בעטלעך, די וואַנצן און אַנדערע אינזעקטן, וואָס זיינען פול געווען אין די באַראַקן — אַלץ צוזאַמען האָט דערמאָנט די פינצטערע נאַצי־תקופה און האָט אַנגעוואָרפן אַן אימה.

אין אָוונט איז אין „זאַל" פון לאַגער פאָרגעקומען אַ פייערונג מיט אַ פּראָגראַם. רעדנערס האָבן גערעדט וועגן עליה קיין ארץ־ישראל; יוגנט האָט געזונגען און דעקלאַמירט יידישע און העברעאישע לידער; אויף אַ ווײַלע האָט מען פאַרגעסן די פינצטערע לאַגער־ווירקלעכקייט.

נאָכן פאַרברענגען אַ שלאָפלאָזע נאַכט אין אַ באַראַק, האָב איך פאַר־טאָג זיך געלאָזן גיין צו דער באַן־סטאַנציע, כדי צוריקצופאָרן קיין גראַץ. אויפן וואָקזאַל האָב איך געטראָפן אַ גרעסערע צאָל לאַגער־יידן, וואָס זיינען געפאָרן אין שכנישן שטעטל אויסצופּועלן ביי דער ענגלישער אָקו־



אויף א שיף קיין ארץ־ישראל

פאַציע־מאַכט אַ דערלויבעניש אַריבערצופאָרן אין דער אַמעריקאַנער זאָנע פון עסטרייך.

באַלאָדן מיטן מינכענער „דאָקומענט" בין איך צוריקגעקומען קיין גראַץ מיט דער האָפענונג, אַז איצט וועלן מיר איין מאָל פאַר אַלע מאָל קענען פאָרן קיין מינכען, ווי אויף „אַן אייזערנער בריק"... אָבער, ליידער, האָבן די ענינים זיך אַרויסגעוויזן צו זיין אַנדערש, ווי מיר האָבן דערוואַרט.

* * *

אויף מאָרגן נאָך מיין צוריקקומען פון טראָפייעך זיינען מיר שוין ווידער געזעסן אין צוג, וואָס האָט אונדז געזאָלט ברענגען קודם כל קיין לינץ און דאַן — דאַן וועט שוין גיין אַלץ ווי געשמירט... הגם מיטן מינכענער „פאַפירל" זיינען מיר געווען ניט אין דעם ערך זיכערער ווי מיטן גראַצער, זיינען מיר אָבער אין צוג געווויר געוואָרן, אַז פריער טאַקע זיינען אַזעלכע צעטלעך גענוג געווען, כדי אַריבערצוגיין אין דער אַמעריקאַנער זאָנע. לעצטנס האָט מען אָבער געוואָרפן אַן אומחן אויף די פאַפירעלך פון מינכענער יידישן קאָמיטעט און עס הענגט אָפּ פון קאַפּריז און

שטימונג פון גרענעץ־קאָנטראָליאָר יאָ אָדער ניט זיך צו רעכענען מיט אָט דעם מין „דאָקומענטן".

די דאָזיקע ניט־פריילעכע גרוסן האָבן אונדז פאַרשאַפט אַ סך עגמת־נפש. אונדזער אומרואיקייט און נערוועזיטעט איז אַלץ מער געשטיגן, וואָס מער מיר האָבן זיך דערנענטערט צו דער גרענעץ צווישן דער ענג־לישער און אַמעריקאַנער זאָנעס פון עסטרייך.

מיטאַמאָל איז דער צוג געבליבן שטיין אינמיטן וועג. די פּאַסאַזשירן האָבן גענומען אַרויסנעמען זייערע רייזע־דאָקומענטן, כדי צו זיין גרייט פאַר דער גרענעץ־קאָנטראָל. אויך מיר האָבן עס געטאָן און מיט האַרץ־קלאַפּעניש געוואַרט אויף דעם, וואָס עס וועט ווייטער געשען.

ענדלעך זיינען אין אונדזער וואַגאָן אַריינגעקומען עטלעכע ענגלישע סאָלדאַטן און צוזאַמען מיט זיי אַ יינגל פון אַ יאָר צוועלף, וואָס איז געווען זייער דאָלמעטשער. ווען אַ סאָלדאַט האָט אַריינגענומען אין האַנט אַריין דאָס מינכענער „פּאַפּירל", האָט ער אָן שהיות אונדז עס אַ וואָרף געטאָן צוריק און עפּעס אַ מורמל געטאָן צום יינגל דעם דאָלמעטשער. דאָס יינגל האָט אויף גיך אַ זאָג געטאָן אין דייטש, אַז מיר מוזן תיכף פאַרלאָזן דעם צוג.

מיר האָבן, פאַרשטייט זיך, ניט געלאָזן לאַנג זיך בעטן און זיינען אַרויס פון צוג. דאָ האָבן מיר דערזען, אַז אַחוץ אונדז זיינען נאָך אַנדערע יידן אויך אַראָפּגענומען געוואָרן פון דער באַן. אַ טייל פון זיי האָט בכלל ניט געהאַט קיין דאָקומענטן, אַנדערע האָבן עפּעס יאָ געהאַט וועלכע עס איז צעטלעך.

נאָכן פאַרענדיקן די גרענעץ־רעוויזיע, איז דער צוג אַוועק און מיר זיינען געבליבן שטיין אינמיטן פעלד. די ענגלישע סאָלדאַטן זיינען צו־געקומען צו אונדז און דורכן דאָלמעטשער געוואָרנט, אַז אויב מיר וועלן וואַגן צו שוואַרצן די גרענעץ דורך די אַרומיקע בערג, וועלן זיי שיסן אין אונדז אָן שום וואָרנונגען.

צווישן די אַראָפּגענומענע יידן זיינען געווען יונגע בחורים און מייד־לעך און זיי האָבן גלייך אויף אָן אָרט געזאָגט איינע צו די אַנדערע, אַז זיי האָבן די ענגלענדער טיף אין דער אדמה, און ווי נאָר עס וועט ווערן טונקל, וועלן זיי דורך די בערג זען צו שוואַרצן די גרענעץ.

מיר, מיטן קינד אויף די הענט, האָבן ניט געקענט טראַכטן וועגן דעם, און מיר האָבן דעריבער זיך געלאָזן גיין צום האָטעל, וואָס האָט זיך געזען פונדערווייטנס אין די בערג, עטלעכע קילאָמעטער פון דעם אָרט, וואו דער צוג איז געבליבן שטיין.

מיט גרויס מאַטערניש האָבן מיר זיך קוים דערשלעפּט צום גאַסטהויז אין די בערג. מיר האָבן דאָרט געטראָפן די זעלבע ענגלישע סאָלדאַטן, וואָס האָבן קאָנטראָלירט די דאָקומענטן אין צוג. זיי האָבן אונדז געראָטן צוריקצופאָרן צום שכנישן שטעטל ליצען און דאָרט זיך ווענדן צום ענגלישן מיליטער־גאָווערנאָר נאָך אַ דערלויבעניש אַריבערצוגיין די זאָנע־גרענעץ.

מיר האָבן איבערגענעכטיקט אין האָטעל און אויף מאָרגן אינדערפרי זיינען מיר צוריקגעפאָרן מיט דער באַן קיין ליצען. צום גליק האָט דער ענגלישער מיליטער־גאָווערנאָר אין ליצען אונדז ניט געמאַכט קיין שוועריקייטן, און דעם זעלבן טאָג פאַרנאַכט האָבן מיר שוין געהאַט אויף דער האַנט אַן אָפיציעלע דערלויבעניש צו פאָרן קיין זאַלצבורג מיטן ציל „צו קומען אין קאָנטאַקט מיט די אָרטיקע אַמעריקאַנער מאַכט־אָרגאַנען", ווי עס איז געווען אָנגעוויזן אין דער דערלויבעניש.

נאָך אַזוי פיל שווערע איבערלעבונגען במשך די לעצטע וואָכן האָבן מיר ערשט דאָ, אין דעם עסטרייכישן שטעטל ליצען, געקענט זיך דערלויבן צו שלאָפן אַ רואיקע נאַכט און מיט גרויס אומגעדולד דערוואַרטן דעם מאָרגנדיקן טאָג, ווען מיר וועלן דאָסמאָל אָן שום מורא קענען אַריינקומען אין דער אַמעריקאַנער זאָנע פון עסטרייך.

די באַן־נסיעה פון ליצען קיין זאַלצבורג איז פאַר אונדז אַריבער זייער גיך. ניט דאַרפנדיק מער מורא האָבן פאַר דער גרענעץ־קאָנטראָל, האָבן מיר געקענט באַטראַכטן די שיינע עסטרייכישע לאַנדשאַפטן אין די בערג און אַ ביסל הנאה האָבן פון גאָטס וועלטל...

18טער קאַפּיטל

פון זאַלצבורג קיין מינכען

א פּאָר טעג אין זאַלצבורג. — מונטערע שטימונג אין די לאַגערן פון דער אַמעריקאַנער זאָנע. — מיר פאָרן מיט אויטאָס קיין טראַוּענשטיין, בייערן. — שיינע האַנדלונג פון אַן אַמעריקאַנער יידישן סאָלדאַט. — מיר קומען אָן קיין מינכען. — אויפן הויף פון „דייטשן מוזעאום". — פינאַל פון אַ 4-חדשימדיקן וואָגל- און וואַנדער-וועג.

קיין זאַלצבורג זיינען מיר אָנגעקומען שפּעט אין אָוונט. אַראָפּגייענדיק פון וואָקזאַל האָט אונדז געבומען אַ היפּשע צייט, ביז מיר האָבן מיט צרות זיך דערשלעפּט צום יידישן לאַגער. דאָ האָבן מיר אַבי-ווי אַדורכגעשטופּט די נאַכט. אין זאַלצבורג זיינען יעמאָלט געווען צוויי יידישע לאַגערן, און דעם מאָרגנדיקן טאָג האָבן מיר פאַרבראַכט אין צווייטן לאַגער.

שוין פון די ערשטע איינדרוקן אין זאַלצבורג האָבן מיר געזען, אַז די גאַנצע אַטמאָספער דאָ אין די לאַגערן איז גאָר אַן אַנדערע ווי אין די לאַגערן פון דער ענגלישער זאָנע. ניט נאָר וואָס די לאַגערן געפינען זיך אין בעסערע און שענערע געביידעס; ניט נאָר וואָס דאָס עסן איז בעסער אאַז"וו, נאָר די אַלגעמיינע שטימונג ביי די מענטשן איז אַ מונטערערע. מ'איז ניט אַזוי פאַרדאגהט און פאַרזאָרגט וועגן היינט און מאָרגן, ווי די מענטשן זיינען עס יאָ אין די לאַגערן פון דער ענגלישער זאָנע. דער שינוי איז געווען אַזאַ בולטער, אַז ערשט איצט האָט מען געקענט ריכטיק פאַרשטיין, פאַרוואָס די פּליטים רייסן זיך אַהער אַזוי שטאַרק.

אַזוי ווי מיר האָבן ניט געטראַכט צו בלייבן זיצן לענגער אין זאַלצ-בורג און אונדזער ציל איז געווען וואָס-גיכער צו דערגרייכן מינכען, האָבן מיר זיך באַזעצט ניט אין יידישן לאַגער, נאָר אין אַלגעמיינעם טראַנזיט-לאַגער פאַר אויסגעוואָרצלטע פּערזאָנען, וואָס דאַרפן צוריקפאָרן אין זייערע היימען אָדער אין אַנדערע לענדער. דער דאָזיקער לאַגער האָט זיך גע-פונען אין דער געביידע פון געוועזענעם גרויסן זאַלצבורגער האָטעל „איי-ראָפּע".

אין „אייראָפּע" האָט מען אונדז איינגעאָרדנט צוזאַמען מיט ניט-יידי-שע פּליטים אין אַ גרויסן צימער. סיי די באַשפּייזונג, סיי די היגיענישע באַדינגונגען אין לאַגער זיינען געווען ניט קיין שלעכטע, און מיר האָבן

דאָרט אָן מאַטערנישן געקענט בלייבן וואַרטן, ביז מען וועט קענען פאָרן ווייטער.

אין זאַלצבורג זיינען מיר געשטאַנען אין קאָנטאַקט מיטן אָרטיקן ציוניסטישן קאָמיטעט ווי אויך מיטן בריחה־פונקט, וואָס האָבן אונדז צוגעזאָגט באַהילפיק צו זיין ביים אַריבערגיין אין דער אַמעריקאַנער זאָנע פון דייטשלאַנד. די עטלעכע טעג פון אונדזער זיין אין זאַלצבורג האָבן מיר אויסגענוצט צו באַקוקן די אַלטע עסטרייכישע שטאָט און אירע מערקווירדיקייטן.

עס איז אָנגעקומען דער טאָג פון פאַרלאָזן זאַלצבורג. די בריחה־אָנפירונג האָט אונדז צוגעטיילט צו אַ טראַנספּאָרט יידן, וואָס האָבן געזאָלט מיט משא־אויטאָס פאָרן פון זאַלצבורג קיין טראַוענשטיין, אַ שטעטל אין בייערן.

ביים אַרויספאָרן פון זאַלצבורג האָט מען אונדז אַלס צידה לדרך פאַרטיילט שפייז־פּעקלעך פון דזשאָינט, און מיר זיינען געוועזן זייער גערירט פון דער הילף פון אונדזערע ברידער און שוועסטער אין אַמעריקע. מיר האָבן זיך פשוט מחיה געווען מיט די געשמאַקע מאכלים, וואָס מיר האָבן געפונען אין די דזשאָינט־פּעקלעך.

די גרענעץ צווישן עסטרייך און דייטשלאַנד זיינען מיר אַריבער בשלום. קיינער האָט ניט אָפּגעשטעלט אונדזער אויטאָ און קיינער האָט אונדז גאָרניט געפרעגט. דעם אמת זאָגנדיק, האָבן מיר אַפילו ניט געוואוסט, ווען און וואו מיר זיינען אַריבער די גרענעץ. אַלץ איז געגאַנגען גלאַט.

דער וועג פון זאַלצבורג ביז טראַוענשטיין האָט געדויערט אַ זעקס־זיבן שעה. עס איז גראַד געווען זייער אַ ווינטיקער וועטער, און מיר האָבן זיך שטאַרק אָדורכגעקעלטערט פאַרנדיק אין די אָפענע משא־אויטאָס. עטלעכע פון אונדז האָבן טאַקע געהאַט זיך פאַרקילט פון אָט דער נסיעה.

שפּעט אין אָוונט זיינען מיר אָנגעקומען קיין טראַוענשטיין און זיינען דאָרט באַגעגנט געוואָרן פון די אָרטיקע בריחה־מענטשן. זיי האָבן פאַר אונדז באַזאָרגט אַן אָרט צום נעכטיקן אין אַ געביידע, וואָס האָט געדינט ווי אַ מין אכסניה פאַר די אַדורכפאָרנדיקע פּליטים. מען האָט אונדז אָנגעזאָגט שטילערהייט צו פאַרנעמען די ערטער און ניט צו מאַכן דערביי קיין טומל. די צימערן זיינען געווען באַלויכטן ניט מיט קיין עלעקטריש ליכט, נאָר מיט חלבנע ליכטלעך. דאָס אַלץ איז, ווייזט אויס, געטאָן געוואָרן מיט דער כוונה ניט צו ציען קיין צופיל אויפמערקזאַמקייט מצד דער אָרטיקער דייטשער באַפעלקערונג.

ווען מיר האָבן געהאַלטן אין איינאָרדענען זיך אויף אונדזערע געלע־גערס, איז מיטאַמאָל אַריינגעקומען צו אונדז אַן אַמעריקאַנער יידישער סאָלדאַט, וואָס האָט געבראַכט אין אַ זעקל ווייסע חלה, שאָקאָלאַד, קאָנ־סערוון־פלייש, פיש, ציגאַרעטן און אַנדערע גוטע זאַכן. אין אַ געבראָכע־נעם יידיש מיט אַן ענגלישן אַקצענט, האָט ער אונדז אַלעמען באַגריסט און פאַרטיילט די געבראַכטע מתנות. ער האָט צום סוף אונדז אָנגעזאָגט, אַז טאָמער וועט דאָ עמעצער אַריינקומען און אַ פרעג טאָן, ווער ס'האָט גע־בראַכט אָט די אַלע זאַכן, זאָלן מיר זאָגן, אַז מיר האָבן עס געפונען ליגן אויפן טיש ביים אַריינקומען אין צימער...

עס האָט אויף אונדז געמאַכט זייער אַ שטאַרקן רושם דער פריינדלעכער זשעסט פון אַמעריקאַנער יידישן יונגנמאַן, וואָס האָט אויף אַזאַ אופן גע־וואָלט אויסדריקן זיינע וואַרעמע געפילן צו די וואַנדערנדיקע יידישע פליטים. דער אויסגעהונגערטער עולם האָט מיט גרויס אַפעטיט זיך גע־נומען צו דער אכילה און גאָר גיך איז אויפגעגעסן געוואָרן אַלץ, וואָס ס'איז אַריינגעבראַכט געוואָרן. מיר האָבן נאָך אַ ווײַלע געשמועסט מיט אונדזער גאַסט־געבער, און דער יידישער סאָלדאַט איז אַוועקגעגאַנגען אַ שטאַרק־צופרידענער פון זיין באַגעגעניש מיט אונדז.

מיר האָבן אויסגערוט אונדזערע ביינער פון דער אויסמאַטערנדיקער נסיעה, און אויף מאָרגן אינדערפרי זיינען מיר שוין געווען גרייט פאַר־צוזעצן אונדזער רייזע קיין מינכען. מיר האָבן האַרציק זיך געזעגנט מיט די טראַוּנשטיינער בריחה־מענטשן און האָבן זיך געלאָזן אין וועג אַריין.

עס איז געווען אַ זוניקער אָבער ווינטיקער טאָג. גיך האָבן אונדזערע משא־אויטאָס זיך געטראָגן איבער די אַספאַלטירטע שאָסיי־וועגן פון דייטש־לאַנד. די אויטאָס זיינען געוואָרן באַטריבן ניט מיט געזאָלין נאָר מיט האָלץ, און דער ווינט האָט געטריבן דעם רויך און שטיקלעך סאַזשע פון די אויטאָ־גענעראַטאָרן גלייך אין פנים אַריין. וואָס ווייטער מיר זיינען געפאָרן, אַלץ מער האָבן מיר אויסגעזען ווי קוימענקערערס ביי דער אַרבעט...

נאָך אַ נסיעה פון פיר־פינף שעה האָבן אויפן האָריזאָנט זיך גענומען באַווייזן די סילועטן פון מינכען — די געוועזענע „הויפטשטאָט פון דער באַוועגונג", וואו דער שוידערלעכסטער רוצח אין דער וועלט־געשיכטע האָט געהאַט אַוועקגעלייגט דעם יסוד פון זיין מערדער־פּאַרטיי. פאָרנדיק דורכן שטאָט, האָט פאַר אונדזערע אויגן זיך אַנטפּלעקט אַ געוואַלדיק־דערקוויקנ־דיק בילד: כמעט אַ העלפט פון מינכען ליגט אין חורבות. דער אַליאיר־

טער לופט־פלאַט, בעיקר אָבער די אַמעריקאַנער „פליענדיקע פעסטונגען“, האָבן, ווייזט אויס, געמאַכט דעם אמתן תל פון דער בייערישער רעזידענץ. מיר קענען זיך ניט באַהערשן און דריקן אויס אָפן אונדזערע פריידיקע נקמה־געפילן.

ענדלעך זיינען מיר אָנגעקומען אויפן הויף פון מינכענער „דייטשן מוזעאום“, וואו ס׳האָט זיך געפונען דער יידישער פליטים־קאָמיטעט. אין מינוטן ווערן אונדזערע אויטאָס אַרומגערינגלט פון נייגעריקע יידן. מיר דערזעען פאַר זיך באַקאַנטע קאָוונער יידן, וואָס זיינען געווען פאַרשלעפט אין דאַכאַו און אַנדערע דייטשע קאַצעטן. מען פאַלט זיך קושן און מען וויינט פון שמחה, וואָס מ׳האָט דערלעבט זיך צו זען.

דאָס איז געווען מיטוואָך, דעם 24טן אָקטאָבער, 1945.

ווען מיר זיינען אַוועק פון קאָוונע, האָט דער קאַלענדאַר געוויזן די דאַטע פון דינסטיק, דעם 26טן יוני, 1945.

פיל, זייער פיל האָבן מיר, ווי געזען, אַדורכגעמאַכט במשך די פאַרלאָפענע פיר חדשים אויף אונדזער לאַנגן און שווערן וואָגל־ און וואַנדער־וועג איבער פאַרשיידענע אייראָפעאישע לענדער, ביז מיר האָבן סוף־כל־סוף דערגרייכט די אַמעריקאַנער זאָנע פון דייטשלאַנד.

פון איצט אָן האָט פאַר אונדז, צוזאַמען מיט צענדליקער טויזנטער אַנדערע וואָגל־יידן, זיך אָנגעהייבן אַ ניי קאַפּיטל — דאָס ביז־גאָר מערק־ווירדיקע קאַפּיטל פון דער שארית־הפליטה אין די דייטשע לאַגערן.

אַ האַרציקן יישר־כוח

דריק איך אויס מיינע גוטע פריינד, די חשובע געזעלשאַפט־לעכע עסקנים (לויטן א״ב): אייב הערמאַן (גרעיט נעק, נ. י.), חיים פּאָמעראַנץ (ברוקלין, נ. י.) און אליהו פּייף (ניו־יאָרק) פאַר זייער מיטהילף ביים ארויסגעבן דאָס בוך.

דער מחבר